בעזהשי"ת

פסח תשפ"ד



# דעם רבינ'ס
# פסח ליכט

מיט ר' נתן

## א שפאציר אין די געסלער פון אומאן

ליינט אויף זייט 11



לכבוד די חשוב'ע לייענערס פון דעם רבי'נס ליכט

דער יום טוב פסח איז דא, אט אט איז די מינוט
וועלן מיר לערנען פון רבי'נס ספרים וואס איז אזוי גוט
דערציילן מעשיות פון זיינע תלמידים און זייערע שפירן
ווייל דאס לערנט אונז אויך וויאזוי זיך אויפצופירן
ברוך השם אז לערנען סיפורי מעשיות איז אונזער באגער
מיר וועלן אויך חזר'ן ספר המדות וואס מער
אויך געדענקען מיר וואס דער רבי האט אונז באפוילן
יעדן טאג מאכן התבודדות פון דער עולם-הזה זיך פארהוילן
די בעסטע צייט איז יעצט אין די טעג פון בין הזמנים
אויסנוצן לערנען דעם רבי'נס ספרים.

י. דאווידאוויטש, בית שמש

# דער ריינער קוואל

## דִי יְסוֹדוֹת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה מִיר דַארְפְן לוֹיבְּן אוּן דַאנְקְן דֶעם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר שְׁטֵייעֶן בַּיים הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח. מִיר אַלֶע הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקַיֵּים זַיין אַסַאךְ מִצְוֹת, בִּעוּר חָמֵץ בַּל יֵרָאֶה וּבַל יִמָּצֵא אֲפִילוּ אַ בְּרֶעקְל חָמֵץ אִין שְׁטוּב. נָאךְ וָואכְן פוּן רֵייניגְן אוּן רוֹימֶען פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ. וֶוער קֶען זִיךְ מְשַׂעֵר זַיין אוּן שַׁאצְן דֶער נַחַת רוּחַ וָואס גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת פוּן אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת. בִּפְרַט וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הַאלְטְן אִין הַאנְט אוּן עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה.

סְ'אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע שִׂיחָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן "אַז מְ'הַאלְט מַצָּה אִין דִי הַאנְט הַאלְט מֶען (כִּבְיָכוֹל) גָאט אִין דִי הַאנְט" דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אִיז אַ מַאֲכָל פוּן אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר אִין פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה פְרֶעגְט אַ גֶעוָואלְדִיגֶע קַשְׁיָא אוֹיבּ חָמֵץ אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע פַארְוָואס מֶעג מֶען עֶסְן דָאס אַ גַאנְץ יָאר?

עֶנְטְפֶערְט עֶר מִיט אַ מָשָׁל: סְ'אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ גְרוֹיסֶע קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אַ בֵּן יָחִיד, אַמָאל אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן בִּיז עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ חוֹלֶה מְסֻכָּן, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶערוּפְן אַלֶע זַיינֶע גְרוֹיסֶע דָאקְטוֹירִים בִּיז אֵיין דָאקְטָאר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ רְפוּאָה אוּן גֶעזָאגְט אַז בְּמֶשֶׁךְ זִיבְּן טֶעג זָאל מֶען אִים גֶעבְּן נָאר דִי רְפוּאָה. אַ וָואךְ שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, הָאט דֶער דָאקְטָאר גֶעזָאגְט אַז עֶר מֶעג שׁוֹין אַלֶעס עֶסְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל. יֶעדֶעס יָאר וֶוען עֶס קוּמֶען דִי טֶעג וֶוערְן מִיר בַּאפְרַייט פוּן פַּרְעֹה וָואס דָאס אִיז אוֹתִיּוֹת "פֶּה רַע" אוּן פוּן מִצְרַיִם וָואס זַיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מִצְרַיִם עַל שֵׁם שֶׁהֵם מְצִירִים לְיִשְׂרָאֵל, מֵצַר אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "עֶנְגְשַׁאפְט" - סְ'אִיז נִישְׁט גוּט, וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע וָואס פַּיינִיגְט אוּנְז אַ גַאנְץ יָאר מִיט נִישְׁט גוּטֶע מִדּוֹת, מִיט נִישְׁט גוּטֶע תַּאֲווֹת, אוּן יֶעדֶעס יָאר נֶעמְט אוּנְז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיס דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶער צַדִּיק הַדּוֹר פוּן אַלֶע מֵצָרִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן אִין דִי הַגָּדָה: "אִילּוּ לֹא הוֹצִיאָנוּ מִשָּׁם הֲרֵי אָנוּ וּבָנֵינוּ וּבְנֵי בָנֵינוּ עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם".

סְ'אִיז דָא אַ שִׂיחָה פוּנְ'ם רֶבִּי'ן אַז טָאמֶער מִיר וָואלְטְן גֶעבְּלִיבְּן אִין מִצְרַיִם וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען 'צִיגַאנֶער', דָאס מֵיינְט אַ פָאלְק וָואס לֶעבְּן אַזוֹי וִוי חַיּוֹת אוּן בְּהֵמוֹת. מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז יֶעדֶעס יָאר גֵייעֶן מִיר אַרוֹיס פוּן דָאסְנֵיי פוּן מִצְרַיִם אַזוֹי וִוי מְ'זָאגְט אִין דִי הַגָּדָה אִין בִּרְכַּת גָּאַל יִשְׂרָאֵל: "אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ וְגָאַל אֶת אֲבוֹתֵינוּ וְכוּ' בִּיז בָּרוּךְ אַתָּה ה' גָּאַל יִשְׂרָאֵל".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער גַאנְצֶער סֵדֶר נַאכְט וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין עֶנְק, אַזוֹי וִוי מְ'זֶעט אִין דִי הַגָּדָה: כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן פְרֶעגְן דִי קַשְׁיוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ וְכָאן הַבֵּן שׁוֹאֵל. דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען מְקַיֵּים אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה בִּכְלַל אוּן פוּן דִי נַאכְט בִּפְרַט וָואס דָאס אִיז מִצְוַת "וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ" אִין דִי נַאכְט וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דִי גְרֶעסְטֶע יְסוֹדוֹת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. דִי גַאנְצֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה אוּן כְּלַל קְדוֹשַׁת יִשְׂרָאֵל וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע נַאכְט. נוּצְט אוֹיס אֵייעֶרֶע אוֹצְרוֹת אוּן זוּכְט אַפָּאר שְׁטִילֶע רוּאִיגֶע מִינוּטְן בְּמֶשֶׁךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער אַז הָשַׁתָּא עַבְדֵי לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין, הָשַׁתָּא הָכָא לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל - יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ קְנֶעכְט, קוּמֶענְדִיגְן יָאר וֶועלְן מִיר שׁוֹין זַיין בַּאפְרַייט, יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת, דָאס קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זָאלְן אוּנְז שׁוֹין זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. עֶס זָאל שׁוֹין זַיין לַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר אַז דִי חֹשֶׁךְ פוּן גָלוּת אוּן דִי הַסְתָּרָה אוֹיפְן כְּבוֹד שָׁמַיִם זָאל שׁוֹין לִיכְטִיג וֶוערְן. אוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס מְלוּכָה אוּן קֶענִיגְרֵייךְ זָאל שׁוֹין בַּאלֵייכְטְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת אוּן בִּפְרַט אִין דֶער וֶועלְט.

נִישְׁט פַארְגֶעסְן זִיךְ פְרֵייעֶן גָאר שְׁטַארְק מִיט יֶעדֶע פִּיצְקֶעלֶע מִצְוָה וָואס מִיר כַאפְּן אַרַיין אִין דֶער הֵיילִיגֶער גֶעוָואלְדִיגֶער חֹדֶשׁ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב מַמָּשׁ צוּ עֶסְן מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים אוּן בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

אַ גוּטְן שַׁבָּת אוּן אַ גוּט יוֹם טוֹב



# עצות מיט א געבעט

## הלל מיט א קול

דורכ'ן זאגן הלל מיט א הויך קול, איז מען זוכה צו אהבת השם יתברך.

(ספר המדות - אהבה אות ח')

## צדקה תציל ממות

די צדקה וואס מ'גיבט אויף צרכי פסח איז גאר א גרויסע זאך און איז זייער מסוגל, א רמז; צדקה תציל ממות איז ראשי תיבות "מצת", מרמז צו זיין אז דורך צדקה ווערט מען ניצול פון חמץ וואס איז די בחינה פון "מָוֶת" - א רוחניות'דיגע טויט רח"ל (זוה"ק), און מען איז זוכה צו קדושת פסח ומצה!

(חי' ר"א, עי' ליקוטי עצות)

## תפלה אויף שמחה פון יו"ט

רבוש"ע, העלף אונז מקבל צו זיין די אלע הייליגע ימים טובים מיט גרויס שמחה מיט קדושה וטהרה, מיר זאלן זוכה זיין צו דערהערן אין דעם הייליגן יו"ט דער קול וואס דער יו"ט רופט אויס; אז די וועלט ווערט נישט געפירט פון זיך אליין בדרך הטבע ח"ו, נאר אלעס ווערט געפירט פונקטליך לויט דיין הייליגע רצון אליין, און דורך די אמונה זאלן מיר זוכה זיין צו דעם אמת'ן שמחת יו"ט, מיר זאלן זוכה זיין צו זיין גאר גאר פרייליך אין דעם הייליגן יו"ט אזוי ווי עס שטייט "ושמחת בחגיך".

(ח"ב תפלה ד')

## די 'שמחה' פון יום טוב

די ימים טובים ווערן אנגערופן "מקרא קודש" - א "הייליגע רוף", זיי רופן אויס אז אלעס ווערט געפירט מיט'ן אויבערשט'נס ווילן און עס איז נישט פאראן קיין שום טבע, ווייל אין די 'ימים טובים' האט השי"ת געטוהן מיט אונז די אלע וואונדער וואס זיי זענען 'היפוך הטבע'; "פסח" האט ער אונז ארויסגענומען פון מצרים מיט גאר גרויסע נסים, "שבועות" איז געווען די מעמד קבלת התורה מיט פילע פארכטיגע וואונדער, און אזוי אויך "סוכות" איז א זכר צו די ענני הכבוד וואס איז געווען א גרויסע נס פון השי"ת, און דורך די אלע וואונדערליכע מופתים פון די שלש רגלים איז נתגלה געווארן אז אלעס ווערט געפירט נאר מיט רצון השם, און גארנישט איז נישט געבונדן צו די טבע.

(תורה ד' חלק ב')

## תפלה אויף תשובה

רבונו של עולם, העלף מיר זיך מקדש צו זיין אין די הייליגע חדשים פון 'ניסן' און 'תשרי', וואס זיי זענען טעג פון תשובה. העלף מיר איך זאל זיך אין זיי אומקערן צו דיר בתשובה שלימה, און זיך מקדש זיין אין זיי בקדושה יתירה ובשמחה גדולה. איך זאל זוכה זיין ממשיך צו זיין אויף מיר 'קדושה' און 'תשובה' פון די צוויי חדשים אויף א גאנץ יאר.

(פון תפלה מ"ט)

## א חודש פון תשובה!

'חודש ניסן' איז א חודש פון 'תשובה' אזוי ווי חודש תשרי. אזוי ווי חז"ל זאגן; בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל - אז די 'גאולה העתידה' וועט זיין אין 'חודש ניסן'. און די גאולה גייט דאך זיין דורך 'תשובה', אזוי ווי די גמרא זאגט; אם ישראל עושין תשובה - נגאלין, דעריבער איז חודש ניסן - די חודש פון גאולה - א זמן פון תשובה!

(ליקוטי מוהר"ן תנ' מ"ט)

## תפלה אויף א ריינע דעת

הייליגער באשעפער, העלף אז מיר זאלן זוכה זיין מקבל צו זיין דעם הייליגן יו"ט פסח בקדושה ובשמחה, מיר זאלן זוכה זיין מסדר צו זיין דעם הייליגן סדר פון פסח בקדושה גדולה, אזוי ווי עס דארף צו זיין. זאלסט אונז העלפן אז מיר זאלן זאגן די הגדה של פסח בקול רם, מיט גרויס כוונה און מיט גרויס שמחה, מיט א התעוררות און התלהבות. אונזער קול זאל מעורר זיין די כוונה, און מיר זאלן זוכה זיין דורכדעם צו תיקון הדעת און תיקון הברית בשלימות באמת.

(פון ליקוטי תפלות תפלה כ')

## וואס געשעט ביים זאגן די 'הגדה'

דער עיקר פון גלות מצרים איז געווען, דאס אז די 'דעת' איז געווען אין גלות, און ווען די אידן זענען אויסגעלייזט געווארן, האבן זיי זוכה געווען צו אן 'התגלות הדעת'. דער וועג וויאזוי די אידן האבן זוכה געווען צו די התגלות הדעת, איז דורכדעם וואס זיי האבן געשריגן צום אויבערשטן מיט אן הויך קול, אזוי ווי עס שטייט; ונצעק אל ה' וישמע קולנו וישלח מלאך ויוציאנו ממצרים, ווייל די 'קול' איז מעורר די דעת, דעריבער זענען זיי דורכדעם אויסגעלייזט געווארן. אויך איז די התגלות הדעת מסוגל צו 'תיקון הברית' דעריבער, אז מ'זאגט די הגדה של פסח מיט א הויכע קול איז עס זייער מסוגל צו תיקון הברית!

(תנ' כ')



# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

אַ גוּטְן טַייֶערע חֲבֵרִים, אִיךְ הֵייס אַבְרָמֶ'עלֶע וֵוייס. אִיךְ וואוֹין אִין קִרְיַת יוֹאֵל. אִיךְ ווִיל עֶנְק דָא דֶערְצֵיילְן אַ בַּאלֶערְנְדֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר אַלֵיין.

פַאר צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק זֶענֶען מִיר אַרוֹיסְגֶעפָארְן אוֹיף אַ נְסִיעָה צוּ אוּנְזֶער בַּאבֶע. בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעפִירְט זֵייעֶר פַיין אוּן מְסֻדָּר. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעפִירְט אוֹיף אַזַא שֵׁיינֶע וֶועג אַז אַלֶעס הָאט גֶעקְלַאפְּט פִּינְקְטְלִיךְ ווִי מִיר הָאבְּן גֶעפְּלַאנְט אוּן לַיידֶער הָאבְּן מִיר שׁוֹין אֲפִילוּ פַארְגֶעסְן אַז מֶען דַארְף נָאךְ אַלְץ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער. בִּיז... מַמָּשׁ פַארְן אַהֵיימְפָארְן הָאבּ אִיךְ פַארְלוֹירְן מַיינֶע גְלֶעזֶער עֶרְגֶעץ וואוּ אוֹיפְן גַאס אִין אַ פְרֶעמְדֶע לַאנְד. אִיךְ הָאבּ עֶס אִיבֶּערָאל גֶעזוּכְט אוּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן. מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרִיקְצוּגֵיין דֶעם גַאנְצְן וֶועג, אָבֶּער אֵינֶנּוּ - דִי בְּרִילְן אִיז נִישְׁטָא. פִּינְטְל.

מִיר הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז אוֹיף דִי פּוּשְׁקֶע פוּן דִי בְּרִילְן אִיז דָא אַ נָאמֶען מִיט אַ טֶעלֶעפָאן נוּמֶער, אָבֶּער נָאר דִי נוּמֶער פוּן שְׁטוּבּ אוּן מִיר זֶענֶען דָאךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ. אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט עֶס טַאקֶע טְרֶעפְן אוּן קְלִינְגֶען וֶועלְן מִיר נִישְׁט ווִיסְן דֶערְפוּן. מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן אַבִּיסְל אָנְגֶעצוֹיגְן. נָאךְ אַפָּאר שָׁעָה דַארְפְן מִיר שׁוֹין כַאפְּן אַ פְלִיגֶער אוֹיף אַהֵיים אוּן מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט דִי בְּרִילְן. מִיר הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט אַלֶעס אוּן עֶר הָאט אוּנְז דָאךְ גֶעפִירְט אַזוֹי שֵׁיין בִּיז יֶעצְט וֶועט עֶר אוּנְז וַוייטֶער פִירְן דִי בֶּעסְטֶע וָואס אִיז פַאר אוּנְז, אוּן מִיר הָאבְּן טַאקֶע אַלֶע גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן עֶס וָואס שְׁנֶעלֶער טְרֶעפְן אוּן קֶענֶען אַהֵיימְפָארְן אָן צוּ דַארְפְן פַארְשְׁפֶּעטִיגְן דֶעם פְלִיגֶער.

אוּן אַזוֹי בֶּעטְנְדִיג דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן מִיר גֶעקְלִינְגֶען אוּנְזֶער שָׁכֵן פְרֶעגְן צוּ עֶר קֶען אֶפְשָׁר אַרַיינְגֵיין בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ זֶען צוּ אֵיינֶער הָאט אֶפְשָׁר גֶעקְלִינְגֶען וֶועגְן דִי בְּרִילְן.

דֶערְוַוייל זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּם בֵּית חַבַּ"ד זִיךְ אָפְּרוּעֶן אַבִּיסְל. וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אַז דִי צַייט רוּקְט זִיךְ אוּן מִיר בַּאקוּמֶען נָאכְנִישְׁט קַיין שׁוּם עֶנְטְפֶער הָאבְּן מִיר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג צוּם לוּפְט-פֶעלְד בֶּעטְנְדִיג דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל נָאךְ גֶעשֶׁען עֶפֶּעס אַ יְשׁוּעָה. אָנְקוּמֶענְדִיג אִין לוּפְט-פֶעלְד זֶענֶען מִיר אַרִיבֶּער דִי סֶעקְיוּרִיטִי [זיכערהייט אפיצירן] אוּן גֶעבֶּעטְן וַוייטֶער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ נֵס.

אַזוֹי אִינְמִיטְן בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמֶען מִיר אַ טֶעלֶעפָאן פוּנֶעם שָׁכֵן אַז אַ גוֹי הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ מֶעסֶעדְזְשׁ אִין שְׁטוּבּ אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דִי בְּרִילְן. עֶר אַרְבֶּעט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט מַמָּשׁ דָארְט וואוּ מִיר הָאבְּן עֶס פַארְלוֹירְן אוּן מֶען קֶען עֶס קוּמֶען נֶעמֶען. מִיר זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אָבֶּער אוֹיךְ אַבִּיסְל אָנְגֶעצוֹיגְן וַוייל מִיר דַארְפְן זִיךְ שׁוֹין בַּאלְד הֵייבְּן, אָבֶּער דָא אִיז גֶעשֶׁען נָאךְ אַ נֵס, מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַז דֶער פְלִיגֶער וֶועט אַרוֹיסְפָארְן שְׁפֶּעטֶער ווִי גֶעפְּלַאנְט. מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעוָוארְן אַבִּיסְל רוּאִיגֶער אוּן שְׁנֶעל אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן אַ דְרַייוֶוער וָואס קֶען בְּרֶענְגֶען דִי בְּרִילְן.

אַ גוֹי'שֶׁער דְרַייוֶוער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין בַּאטְרַאכְט וַוייל מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְלָאזְן אוֹיף זֵיי אוּן אִידִישֶׁע דְרַייוֶוערְס זֶענֶען דָאךְ נִישְׁטָא. מִיר הָאבְּן שְׁנֶעל אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם נוּמֶער פוּנֶעם רָב פוּן בֵּית חַבַּ"ד וואוּ מִיר זֶענֶען פְרִיעֶר גֶעוֶוען אוּן אִים אָנְגֶעקְלִינְגֶען זָאגְן אוּנְזֶער פְּרָאבְּלֶעם אַז מִיר דַארְפְן וָואס שְׁנֶעלֶער אֵיינֶער זָאל אוּנְז בְּרֶענְגֶען דִי בְּרִילְן פוּן יֶענֶע גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ טוּן דִי טוֹבָה פַאר פֶערְצִיג דָאלֶער. מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט, אַזוֹי בִּילִיג? אָבֶּער ב"ה, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַ דְרַייוֶוער.

המשך >>>

המשך <<<

נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט קְלִינְגְט עֶר אוּנְז אַז עֶר שְׁטֵייט אוּנְטְן וואוּ מֶען קוּמְט אַרַיין אָבֶּער מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט אַרִיבֶּער און מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי דִי אַנְדֶערֶע זַייט גֶעיט [שַׁעַר] און אוּנְז קֶענֶען דָאךְ נִישְׁט צוּרִיקְגֵיין. אַזוֹי פוּנְדֶערְוַוייטְנְס הֵייבְּט עֶר אוֹיף זַיין הַאנְט מִיט דִי בְּרִילְן און שָׁאקְלְט עֶס אַז מִיר זָאלְן זֶען וואוּ עֶר שְׁטֵייט. קוּקְנְדִיג פוּנְדֶערְוַוייטְנְס זֶעעֶן מִיר אַז עֶס אִיז אַ גוֹי. מִיר הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט וֶוער עֶר אִיז? זָאגְט עֶר, "דֶער דְרַייוֶוער." פְרֶעגְט אִים מַיין מַאמֶע, "וֶועלְכֶע דְרַייוֶוער?" זָאגְט עֶר, "וָואס הֵייסְט? מֶען הָאט מִיר גֶערוּפְן." בִּיז מִיר הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אוּנְזֶער טָעוּת. מִיר הָאבְּן בִּכְלָל נִישְׁט גֶערוּפְן דֶער רָב. מִיר הָאבְּן גֶעקְלִינְגֶען בְּטָעוּת אוּנְזֶער טֶעקְסִי דְרַייוֶוער וָואס הָאט אוּנְז גֶעבְּרֶענְגְט צוּם לוּפְט-פֶעלְד. זֶעט אוֹיס עֶר הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז און גֶעקֶענְט בַּיישְׁטֵיין צוּ הֶעלְפְן אִידְן פַאר אַזַא מִינִימוּם בַּאצָאלְט.

ב"ה מִיר זֶענֶען אַהֵיימְגֶעפָארְן בְּשָׁלוֹם מִיט דִי בְּרִילְן און זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיךְ וֶוען עֶס גֵייט גוּט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבֶ'ע מַעֲרֶכֶת פוּן דֶעם "רֶבִּינְ'ס לִיכְט".

אִיךְ הֵייס נַחְמָן. אִיךְ לֶערְן אִין חֵדֶר בְּרֶסְלֶב.

מַיין בַּאבֶּע תְּחִי' הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ אַ שֵׁיינֶע שׁוּל-שְׁפִּילֶערַיי וָואס מֶען בּוֹיעֶט אַלֵיין. עֶס אִיז גֶעוֶוען שֵׁיין און אִינְטֶערֶעסַאנְט. וֶוען דִי שׁוּל אִיז גֶעוָוארְן גְרֵייט, הָאבּ אִיךְ עֶס גֶענוּמֶען צוּ מַיין בַּאבֶּע עֶס וַוייזְן. אִיךְ הָאבּ גָאר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מֶען זָאל מַאכְן אַ הַכְנָסַת סֵפֶר-תּוֹרָה שְׁפִּיל. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן מִיר עֶרְקְלֶערְט אַז כְּדֵי דִי הַכְנָסַת סֵפֶר-תּוֹרָה זָאל זַיין שֵׁיין וֶועל אִיךְ דַארְפְן וַוארְטְן אַבִּיסְל, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט מַאכְן פוּן אֵיין מִינוּט צוּם צְוֵוייטְן. עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַבִּיסְל שְׁוֶוער, און אִיךְ הָאבּ קוֹים גֶעקֶענְט וַוארְטְן. מַיין טַאטֶע הָאט גֶערֶעדְט מִיט מִיר אִיבֶּער דִי עֵצוֹת פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוֹיס הַמְתֵּן - מִיט סַבְלָנוּת צוּ קֶענֶען אוֹיסְוַוארְטְן. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן מָרוֹר מִיטְן גוֹי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט און אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט מִיט גֶעדוּלְד.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת צַו-פָּרָה, אִיז גֶעפְּרַאוֶועט גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע הַכְנָסַת סֵפֶר-תּוֹרָה. אַלֶע שְׁוֶועסְטֶער-קִינְדֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען. מַיין שְׁוָואגֶער מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאבְּן בַּאוִויזְן כִּשְׁרוֹנוֹת אִיךְ בִּין אִיבֶּערְרַאשְׁט גֶעוָוארְן פוּן דִי שֵׁיינְקַייט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע חֻפָּה אַ הֶערְלִיכֶע קִינְדֶער אוֹיטָא וָואס אִיז בַּאגְלֵייט גֶעוָוארְן דוּרְךְ מֶענְטְשֶׁעלֶעך פוּן "מִצְוָה קִינְדֶער" וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעהַאלְטְן פַאקְלֶען. דֶער רָב מִיטְן נָגִיד (אוֹיךְ פוּן קִינְדֶער וֶועלְט) הָאבְּן גֶעהַאלְטְן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, אַסַאךְ טַאטֶעס זֶענֶען גֶעטַאנְצְן אַרוּם, אוֹיךְ אַ שֵׁיינֶע בִּנְיָן אִיז גֶעוֶוען וָואס פוּן דָארְט אִיז אַרוֹיס דִי סֵפֶר תּוֹרָה. אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר גוּט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז עֶס לוֹינְט צוּ וַוארְטְן, אַזַא שֵׁיינֶע זַאךְ הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעקֶענְט וֶוערְן אַלֵיין אִין אַ מִינוּט, נָאר מִיט וַוארְטְן... סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, צוּם עֶנְדֶע הָאט מֶען בַּאקוּמֶען אַ פֶּעקֶעלֶע, און אַלֶע זֶענֶען אַהֵיים פְרֵיילֶעךְ.

# א בריוועלע פון
# רבי נתן

‹‹ מְחַיֶּה זַיין מִיט מַיינֶע נְקוּדוֹת-טוֹבוֹת ››

בָּרוּךְ הַשֵּׁם, יוֹם ה׳ שְׁמִינִי, תקצ״ט.

מַיין לִיבּ קִינְד! ...יֶעצְט לֵייג צוּ דַיינֶע אוֹיעֶרְן אוּן הֶער גוּט אוֹיס מַיינֶע רֵייד; זָאלְסְט וויסְן אַז דָא נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק, וָואס עֶר הָאט זִיךְ כְּסֵדֶר מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִי אֱמֶתֶ׳ע גוּטְס פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער – זֵיי אוּמְצוּקֶערְן צוּ תְּשׁוּבָה מִיט זַיינֶע גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת, וָואס דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אוּן מִיט זַיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע הוֹיכֶע הַשָּׂגוֹת הָאט עֶר אוּנְז צוּאוֹוִויסְן גֶעטוּהְן; אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ יֶעדְן טָאג מְחַזֵּק זַיין אוּן מְחַיֶּה זַיין דוּרְךְ יֶעדֶע "נְקוּדָּה טוֹבָה" וָואס עֶר גֶעפִינְט בַּיי זִיךְ, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט דָאס אַרַיינְגֶעטַייטְשְׁט אִין פָּסוּק; וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע... אוּן אִין פָּסוּק; אֲזַמְּרָה לֶאֱלֹקַי בְּעוֹדִי...

...אוּן דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן "פֶּסַח", אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אוֹיף דִי אִידְן בְּעֶפָאר זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם; וְאַתְּ עֵרוֹם וְעֶרְיָה וָאֶעֱבֹר עָלַיִךְ וָאֶרְאֵךְ מִתְבּוֹסֶסֶת בְּדָמָיִךְ, דָאס מֵיינְט אַז זֵיי לִיגְן אִין דִי נַארִישֶׁע מִיאוּסֶ׳ע תַּאֲווֹת – וָאֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי, וָאֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ אִין דַיינֶע הֵייסֶע בְּלוּט פוּן תַּאֲווֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן – אִין דֶעם אַלֵיין זָאלְסְטוּ לֶעבְּן! אַז אֲפִילוּ דֶעמָאלְטְס אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִיר אַסַאךְ "נְקוּדּוֹת טוֹבוֹת", אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוּן בֶּענְקְסְט צוּם אֱמֶתְ׳ן גוּטְ׳ס, אוּן פְּרַאבִּירְסְט יֶעדְעס מָאל אַוֶועקְצוּגֵייִן פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.. וָואס דָאס אִיז דִי עִיקָר מַעְלָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן דִי מַלְאָכִים – צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר פַארְמָאגְט אַזַא יֵצֶר הָרָע מִיט אַזוֹינֶע בִּלְבּוּלִים, אוּן עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַזַא וֶועלְט וָואס אִיז פוּל מִיט שְׁקָרִים אוּן פָּאפְּעַרַיי אוּן בִּלְבּוּלִים אוּן טִרְדוֹת הַפַּרְנָסָה, דֶערִיבֶּער אִיז גָאר טַייעֶר בַּיי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֶעדֶע גוּטֶע רִיר צוּם גוּטְ׳ן...

...וָואס זָאלְן מִיר זָאגְן? וָואס זָאלְן מִיר רֶעדְן? וָואס זָאלְן מִיר אָפְּצָאלְן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹיף זַיין גוּטְס? מִיר דַארְפְן אִים לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען אוּן זָאגְן דֶעם גַאנְצְן הַלֵּל, בִּפְרָט פֶּסַח, אוֹיף דִי אַלֶע אֱמֶתֶ׳ע חֲסָדִים נִצְחִיִּים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן מִיט אוּנְז – דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים וְרַב חֶסֶד וֶאֱמֶת. אוּן אַזוֹי זָאל עֶר מוֹסִיף זַיין זַיינֶע חֲסָדִים מִיט אוּנְז, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן מְקַיֵּים צוּ זַיין זַיינֶע רֵייד בֶּאֱמֶת – "נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ".

דִי רֵייד פוּן דַיין פָּאטֶער אוּן רֶבִּי,

נָתָן מִבְּרֶסְלַב





# עצות פון רבי'ן - רעטעניש



1) זאגן די _____ מיט א הויך קול דערוועקט די דעת

2) ווען מען האלט מצה אין האנט, האלט מען ______ אין האנט!

3) פסח איז א יום טוב פארקערט פון די ________

4) די טעג פון חודש ניסן זענען טעג פון _______ אזוי ווי תשרי

5) ימים טובים זענען מסוגל צו _______

אראפ 6) ווען אידישע קינדער וואלטן נישט ארויס פון מצרים וואלטן זיי געווען _______________

ברייט 6) ווער עס גיבט ________ ווי עס דארף צו זיין, איז זוכה צו הערן דעם קול פון יום טוב וואס רופט

7) דורכן זיך מקשר זיין צום אמת'ן _______ קען מען דערפילן די הייליגקייט פונעם יום טוב

8) אינעם יום טוב פסח ווערט פארדאכטן די תאוה פון ________

9) חודש ניסן איז גוט און ______ צו גיין צווישן די גראזן





# ווי אזוי לערנט אונז דער רבי נישט צו פארליהן די טייערע בין הזמנים טעג ??

מיטן רבי'ן צום באשעפער

נחמן זלוטניק, בית שמש

"התבודדות"

שמעון י.

טראכט נאר פון היינט!

יוסף דאווידאוויטש

אנהייבן דעם טאג מיט לערנען

שלום ווייספיש

'שמחה'

א. וויספיש

לערנען סיפורי מעשיות

לוי יצחק בולמן

מיט התבודדות

מ. שלום אנשין

די עצה פון "התבודדות"

חיים קלעצקי

לערנען און דאווענען

אברהם ברוין

התבודדות

נתן ש.

בית שמש

"התחדשות"

ישרוליק מ.

'התבודדות'

ישראל צבי.

זאל זיין א קביעות'דיגע צייט ווען מען לערנט

מענדי יארבלום

התבודדות

חיים פראנק

לערנען גמרא משניות סיפורי מעשיות

נחמן שפירא

זיך 'שטארקן' אפילו עס גייט איבער וואס עס גייט איבער

א. גראס

"חשבון הנפש" איבערגיין דעם טאג וואס איך האב געטון

אברמי פ.



# דעם רבינ'ס משלים

## מַעֲשֶׂה פוּן מָרוֹר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה.

אֵיינְמָאל אִיז אַ אִיד מִיט אַ דַייטְשֶׁער גּוֹי גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען נָע וָנָד, ווִי צְוֵויי בֶּעטְלֶערְס, דֶער אִיד הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דֶעם גוֹי ווִי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן ווִי אַ אִיד, אוּן ווִיבַאלְד דִי דַייטְשֶׁע שְׂפְּרַאךְ אִיז דָאךְ אַן עֶנְלִיכֶער שְׂפְּרַאךְ ווִי אִידִישׁ אוּן דִי אִידְן פִירְן זִיךְ דָאךְ אוֹיף מִיט רַחֲמָנוּת וֶועלְן זֵיי רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים.

ווִי נָאר עֶס אִיז גֶעקוּמֶען נָאנְט צוּ פֶּסַח הָאט דֶער אִיד אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דֶעם גוֹי ווִיאַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן אִין אַ אִידִישֶׁע הוֹיז ווֶען מֶען ווֶעט אִים אַיינְלַאדֶענֶען צוּם סֵדֶר-נַאכְט. צוּם עֶרְשְׁט מַאכְט מֶען קִדּוּשׁ דֶערְנָאךְ וַואשְׁט מֶען זִיךְ דִי הֶענְט, אָבֶּער דֶער אִיד הָאט פַארְגֶעסְן אִים צוּ זָאגְן אַז מֶען עֶסְט מָרוֹר.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעווֶען, אַ אִיד הָאט אַיינְגֶעלַאדְנְט דֶעם גוֹי צוּם סֵדֶר-נַאכְט, אָבֶּער דֶער גוֹי אִיז גֶעווֶען הוּנְגֶערִיג, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג, עֶר זִיצְט בַּיים טִישׁ אוּן וַוארְט נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אִיד הָאט אִים אָנְגֶערֵייצְט אַז מֶען גִיבְּט דִי נַאכְט.

אָבֶּער עֶר זֶעט אַז מֶען גִיבְּט נָאר אַ שְׁטִיקְל רֶעטֶעך אִין זַאלְץ וַואסֶער אוּן נָאךְ זַאכְן וָואס מֶען פִירְט זִיךְ בַּיים סֵדֶר, מֶען זָאגְט דִי הַגָּדָה, עֶר שְׁטֵייט מִיט אָפֶענֶע אוֹיגְן גְרֵייט צוּם עֶסְן. ווִי נָאר מֶען הָאט צֶעטֵיילְט דִי מַצָּה הָאט עֶר אָפְּגֶעטָעמְט פַאר פְרֵייד, הָא, עֶנְדְלִיךְ ווֶעט עֶר שׁוֹין קֶענֶען שְׁטִילְן זַיין הוּנְגֶער, אָבֶּער פְּלוּצְלוּנְג גִיבְּט מֶען אִים צוּ עֶסְן מָרוֹר, ווִי עֶר לֵייגְט עֶס אַרַיין אִין מוֹיל אִיז אִים גֶעוָוארְן בִּיטֶער אוֹיפְן צוּנְג, אוּן טְרַאכְט אוֹי וֵויי, נָאר דָאס גִיבְּט מֶען בַּיי דִי סְעוּדָה, עֶר הֵייבְּט פִּיס אוּן אַנְטְלוֹיפְט מִיטְן בִּיטֶערְן טַעַם אִין מוֹיל הוּנְגֶערִיג אוּן דָארְשְׁטִיג, עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ, 'דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע אִידְן, נָאכְן גַאנְצְן פְּרַאוֶוען גִיבְּט מֶען מִיר צוּ עֶסְן בִּיטֶערֶע מָרוֹר', עֶר לוֹיפְט אַרַיין אִין שׁוּל אוּן שְׁלָאפְט דָארְט אֵיין.

שְׁפֶּעטֶער אִין נַאכְט קוּמְט דֶער אִיד מִיט אַ גְרוֹיסְן שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים, זַאט פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אוּן פְרֶעגְט דֶעם דַייטְשְׁן: "נָא, ווִיאַזוֹי אִיז גֶעווֶען דֶער סֵדֶר-נַאכְט?" דֶער גוֹי שְׁרֵייט מִיט כַּעַס אוּן פַארְצֵיילְט וָואס הָאט זִיךְ מִיט אִים אָפְּגֶעטוּן, זָאגְט אִים דֶער אִיד: "דוּ דַייטְשֶׁער שׁוֹטֶה, ווֶען דוּ וַוארְטְסְט נָאךְ אַבִּיסְל... וָואלְסְטוּ גֶעגֶעסְן פוּן אַלֶעם גוּטְן אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט".

דָאס הָאט דֶער רֶבִּי פַארְצֵיילְט, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען אַז צוּ אוֹיסְאֵיידְלֶען דֶעם גוּף אוּן ווֶערְן נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס ווֶעג דַארְף מֶען טוֹעֵם זַיין אַבִּיסְל בִּיטֶערְנִישׁ, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, אַז אַלֶעמָאל ווֶעט אִים זַיין בִּיטֶער, דֶערִיבֶּער אַנְטְלוֹיפְט עֶר גְלַייךְ, אָבֶּער אוֹיבּ וָואלְט עֶר אַבִּיסְל גֶעוַוארְט אוּן סוֹבֵל גֶעווֶען דִי בִּיטֶערְנִישׁ וָואס אֵיידְלְט אוֹיס זַיין גוּף, וָואלְט עֶר נָאכְדֶעם גֶעשְׁפִּירְט אַלֶע מִינֵי תַּעֲנוּגִים אוּן זִיסְקֵייטְן וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן.

מִיט דִי מָשָׁל קֶען מֶען אוֹיךְ זִיךְ לֶערְנֶען עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת ה'.

(כּוֹכְבֵי אוֹר סִפּוּרִים נִפְלָאִים)

מיט ר׳ זלמן

# א שפאציר אין די געסלעך פון אומאן




מיר האבן די געלעגנהייט צו כאפן א שפאציר מיט ר׳ זלמן שמואל נפתלי׳ס וועלכער וועט אונז פירן איבער די גאסן פון אומאן, אין דעם אלטן אידישן געגנט ארום דעם רבי׳נ׳ס ציון, דארט וואו אונזערע לייט האבן געוואוינט. ווילט איר זיך מיטכאפן? איר וועט בעז"ה געוואויר ווערן שטיקלעך היסטאריע פון די צייטן פונעם רבי׳ן און נאך אסאך פריער, וואס ר׳ זלמן שמואל האט געהערט ערשט-האנטיג פון ר׳ לוי יצחק ז"ל, ר׳ יואל שטראקס ז"ל און ר׳ מעכל דארפמאן ז"ל.

ר׳ יואל איז געווען א געבוירענער אין דער שטאט אומאן. שפעטערע יארן האט ער געוואוינט אין כארקאוו. נאכן ארויפקומען קיין ארץ ישראל אין די תש"נ יארן פלעגט ער אין זיינע לעצטע זיבן יאר ווען ער האט שוין געוואוינט אין ארץ ישראל, קומען קיין אומאן אויף ראש השנה.

ר׳ זלמן שמואל פלעגט הנאה האבן צו שפאצירן מיט ר׳ יואל איבער די געסלעך און הערן פון אים איבער דאס לעבן פון דער שטאט אומאן. זיי פלעגן אריינגיין אין ר׳ נתנ׳ס קלויז. וויבאלד ר׳ יואל האט געקענט די רוסישע שפראך האט מען זיי ערלויבט אריינצוגיין. ר׳ יואל פלעגט ציינג מיט נאסטאלאגיע וואו ער פלעגט זיצן אלס אינגל אין קלויז, די פלאץ פון זיין טאטן ר׳ נחום שטראקס און נאך פיל פון זיינע קינדערישע זכרונות.

אין א פערזענליכע שמועס פירט אונז ר׳ זלמן שמואל איבער די גאסן פון אומאן און דערציילט אונז וואס ער האט געהערט פון זקני אנ"ש.

**מיט הייבן אן דא ביים הייליגן ציון אויפן בארג און מיר דרייען זיך איין לינקס בארג אראפ.**

אויף דעם בערגל האט ר׳ אייזיקל פון אומאן געבויט טרעפ. פאר ער איז געקומען קיין אומאן איז נישט געווען קיין טרעפ, נאר א פשוט׳ע בערגל וואס מען איז אראפ און ארויף. פאר די חסידים איז זייער שווער אנגעקומען ארויפצוקלעטערן צום ציון.

## ווער איז געווען דער ר׳ אייזיקל?

פאר הונדערט צוואנציג יאר צוריק איז געווען א גרויסער עושר, א איד וואס האט אסאך אויפגעטון, א ברסלב׳ער חסיד מיטן נאמען ר׳ אייזיקל אייזנשטיין וועלכער איז מקורב געווארן דורך ר׳ לייבל קאנסטאנטינער. ר׳ לייבל האט געוואוינט מיט ר׳ אייזיק אין קאנסטאנטין און אים מקרב געווען צום רבי׳נס וועג.

ר׳ אייזיק איז געבוירן געווארן יאר תקצ"ה - ער איז אלט געווען צען יאר ווען רבי נתן איז נסתלק געווארן. ביים נתקרב ווערן איז ער אלט געווען זעכצן יאר.

## און ווער איז געווען דער ר׳ לייבל?

ר׳ לייבל איז געווען דער בעל תפלה אין אומאן ראש השנה אין איינע פון די ראש השנה טעג. ווען ר׳ נחמן טולטשינער איז נפטר געווארן האט ער איבערגענומען דאס חזנות און געדאווענטביידע טעג ביזן יאר פון זיין פטירה תרמ"ט. ר׳ לוי יצחק דערציילט אז ר׳ לייבל האט מקרב געווען הונדערטער מענטשן צום הייליגן רבי׳נס וועג.

ר׳ לייבל פלעגט מקרב זיין מענטשן צום רבי'ן און זיי שיקן אויף ראש השנה קיין אומאן, אבער ער אליין איז געבליבן אין קאנסטאנטין דינען אלס חזן אין שטאט. פלעגט מען אויף אים זאגן א ווערטל: "דער שמש וועקט צו סליחות, און ער אליין ליגט זיך שלאפן..."

ווען ער האט מקרב געווען ר׳ אייזיקל אין יאר תרי"א האט ר׳ אייזיק געזאגט: "אז איר פארט ניט, פאר איך אויך ניט!" האט ער זיך געשעמט פאר ר׳ אייזיקל, ער האט געזען ווער דער ר׳ אייזיקל איז, צוליב אזא מין טייערער נפש האט ער אוועקגעווארפן זיין פרנסה פון חזנות און געקומען קיין אומאן, צו קומען אינאיינעם מיט ר׳ אייזיק.

ר׳ אייזיק'ל האט געזען ווי מען מוטשעט זיך שטארק מיט דעם בערגל נעבן ציון, האט ער געמאכט טרעפ מען זאל קענען אראפגיין און ארויפקומען גרינג צום ציון. יענע יארן איז עס געווען א גרויסע אויפטו.



**מיר וועלן ממשיך זיין צו שפאצירן אראפ דעם בארג,** דא וואו עס איז געווען אמאל די טרעפ. דא אינטן קומען מיר אן צום טאל. דא אונטערן בארג פונעם רבי'נס ציון פליסט א טייכל וואס מען קען נישט זען ווייל עס דא פארבויט געווארן מיט די אלע בנינים ארום.

ביי דעם טייכל פלעגן די שטאטישע מענטשן זאגן תשליך. ווען מיר זענען געווען דא דעם ערשטן ראש השנה תש"נ האט מען נאך געזאגט דא תשליך, ווייל די וואסער האט נאך געפליסט דא, מער ווי היינט.

נאך אביסל נידריגער, נענטער צום געסל איז געווען א בריקל העכערן וואסער וואס מען האט גערופן 'דער טויטער בריקל' וואו מען פלעגט דארט אריבערפירן די נפטרים צום בית החיים. זעט אויס עס האט געדינט סיי פארן בית החיים דא נעבן ציון און אויך פארן בית החיים וואו עס ליגט ר׳ אברהם בר"נ חזן..

(פון נאכן הסתלקות פונעם הייליגן רבי'ן האט מען נישט באערדיגט קיין נפטרים נאר אינעם נייעם בית החיים.)

איידער מיר גייען ווייטער ארויף דא אויפן בארג, די טרעפ וואס פירט ארויף צום פאלאס האטעל וואו עס זענען געווען אמאל פול מיט הייזער וואו עס האבן געוואוינט אידן און אסאך ברסלב'ע חסידים, וועלן מיר כאפן א בליק דא אונטן ביים טאל אביסל רעכטס אריין צו די ביימער, וואו עס האט געוואוינט א איד מיטן נאמען, ר׳ משה צדוק. דער ר׳ משה איז נעבעך געווען אן אפגעפארענער איד, א שותף מיט די באלשאוויקן וועלכע האבן ליידער גע'הרג'ט אידן ר"ל. זיי האבן גע'הרג'ט אלע גבירים און צוגענומען ביי זיי דאס געלט, איז משה צדוק געווען א חלק פון די באנדעס.

עס איז געווען איין טאג ווען משה צדוק, דער בעל עגלה, איז אריינגעקומען אין אונזער קלויז דא אין אומאן. ער האט דאן געהאט יארצייט נאך זיין טאטן און געוואלט זאגן קדיש. פון אלע שולן ארום האט מען אים ארויסגעווארפן און אנגעבראכן די ביינער, היתכן?! א רוצח! ער איז באוואוסט געווען אלס רוצח. אבער דא אין קלויז האט מען אים אריינגעלאזט. ביי אונז האט מען אלעמען אריינגעלאזט. מען האט יעדן איד מקרב געווען אפילו אידן אין שווערע מצבים, ווי ר׳ לוי יצחק האט זיך אויסגעדריקט: "דא האבן מיר בקבלה אז מען קומט אריין דארף מען אים נישט ארויסטרייבן"!

משה צדוק איז אריינגעקומען און געזאגט קדיש נאך זיין טאטן.

אינדערזייט איז געשטאנען א איד, א גרויסער בעל מסירות נפש, זיין נאמען איז געווען ר׳ יעקב זיטאמיר – קויפמאן. דער ר׳ יעקב האט אים געזאגט: "אז דו קומסט שוין אריין פאר א קדיש, אפשר ווילסטו לייגן תפילין?" אזוי איז ער צוביסלעך געווארן נאנט מיט ר׳ משה צדוק וועלכער האט ביסלעכווייז תשובה געטון און געווארן א גרויסער ערליכער איד. כל ימיו האט ער תשובה געטון אויף זיינע גרויסע זינד וואס ער האט אפגעטון, די אלע שלעכטס און צרות וואס ער האט געטון פאר אידן.

משה צדוק פלעגט ארויפגיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון, נישט קיין גוזמא צו זאגן; דער גאנצער ציון איז געווארן אויסגעגאסן מיט טרערן!! ער האט באקומען געשוואלענע אויגן! יעדן טאג איז ער ארויף צום ציון, זיך אויסגעוויינט, זיך אויסגעגאסן דאס הארץ!

אונזערע לייט פלעגן זאגן: "וואס זאלן מיר אריינרעדן דא?! אז דער רבי פּארעט זיך מיט אים, וואס האבן מיר צו רעדן, וואס האבן מיר צו רעדן?"

דא וואו עס זענען די בודקעלעך אונטערן בית החיים דא טיפער אריין איז געשטאנען די שטוב פון ר׳ משה צדוק.

## וואס איז געווארן מיט ר׳ משה צדוק?

אין די יארן פון תרצ"ו ביז תרצ"ט די פאר יאר ביז היטלער ימ"ש איז אריינגעקומען קיין אומאן האט מען פארמאכט די כשר'ע מקוה אין אומאן. ר׳ לוי יצחק און די חברים האבן אים געזאגט: "משה, דו ווייסט דאך, דו דארפסט דאך פארעכטן עפעס א זאך, מאך א מקוה"! וועט זיין פונקט דאס פארקערטע וואס דו האסט

אפגעטון״! (תשובת המשקל על רציחת נפשות).

דעמאלטס צו מאכן א מקוה איז געווען מסירת נפש ממש! עס איז דאן געווען די ביטערע יארן ווען די קאמוניסטן האבן איינגעשטעקט זייערע טיפע נעגל אין יעדע אידישע שטוב. פון קיין מקוה איז נישט געווען קיין רעדע, די מקוה איז געווען פארהאקט מיט קייטן און שלאס. ר׳ משה צדוק האט אריינגעגראבן ביי זיך אין חצר גאר א טיפע גרוב, מיט גאר אסאך טרעפ אראפצוגיין עס זאל זיין גוט באהאלטן. דארט וואו ער האט געוואוינט האט מען נישט געקענטווארטן אויף קיין רעגן וואסער נאר מאכן א קוואל וויל ווי ציעט מען וואסער דורכן רעגן? די קאמוניסטן קענען דאך באמערקן אינדרויסן, זיי קענען דאך זען די רערן.

מען האט געמוזט גראבן אין די שטאל. משה צדוק איז געווען א בעל-עגלה מיט פערד, האט מען דארטן געגראבן, ביז מען האט געטראפן א קוואל, די מקוה איז געווען טיף אפשר פופציג טרעפ אראפצוגיין. אין די זומער טעג איז נישט קיין פראבלעם אז ס׳איז קאלט אבער ווינטער האט מען נישט געקענט הייצן צוליב די זעלבע סיבה אז מען וועט הייצן וועט מען גלייך באמערקן פונדרויסן א רויער, קענען די מוסרים באלד געוואויר ווערן, איז מען געגאנגען מיט מסירת נפש אין די קאלטע מקוה!

ר׳ ברוך גענצע וועלכער האט געהאט צוויי רעכטע הענט האט געמאכט אונטן עפעס א הייצונג אבער דער מקוה איז געווארן פול מיט רויער וואס האט נישט געקענט ארויסקומען איז מען ממש דערשטיקט געווארן. ס׳איז נאך אפשר ערגער געווען ווי די קעלט!

פאקטיש האט ר׳ משה צדוק געראטעוועט די שטאט אין די קאמוניסטישע יארן. די מקוה איז געווען פאר די גאנצע שטאט! און ער האט נישט געוואלט נעמען קיין געלט דערפאר. אדרבה, ס׳איז געווען א גרויסע זכי׳ פאר אים.

### קיינער האט נישט גע׳מסר׳ט?

מען האט יא גע׳מסר׳ט אבער מען האט אים נישט געפאקט ביי די מעשה. בשעת מען האט נישט גענוצט די מקוה איז עס געווען פארדעקט מיט העלצלעך און שטרוי און די פערד זענען געשטאנען אינעם שטאל. עס האט אויסגעזען ממש עכט, א בעל עגלה מיט פערד און וואגן...

זיין שטוב איז געווארן א שטוב פון כשרות און קדושה. אזעלכע לאנגע פיאות מיט א ווייסע בארד האט ער געהאט, דער ר׳ משה צדוק, אזוי ווי א רבי האט ער אויסגעזען. פרומע קינדערלעך מיט פיאות׳לעך האט ער געהאט, און ער האט געלערנט. ער האט געפירט א שטוב פון די שענסטע אינגעלייט! נאר בכח פונעם רב׳ן, בכח פונעם רב׳ן קען דאס געשען! אין צייט ווען אנדערע האבן אים ארויסגעווארפן פון שול.

די שטאט האט געלאכט פון אונז ווען משה צדוק האט אנגעהויבן נתקרב ווערן. ״די ברסלב׳ער נעמען אזא מין מענטש און מען איז מקרב!״

מ׳רעדט דאך אבער וואס איז געווען אונזער זאך, ס׳איז געווען די רצון השי״ת אז מען זאל דעם מענטשן נישט מרחק זיין! און שפעטער האט די גאנצע שטאט נהנה געווען פון זיין מקוה.

ר׳ משה צדוק פלעגט אויך פארטיילן עסן און צוהעלפן די ברסלב׳ע חסידים יענע יארן ווען עס האט געהערשט גאר א גרויסער הונגער. ביי אים האט מען געקענט טרעפן א ווארימע מאלצייט. ער איז געווען א בעל-עגלה און האט פארדינט, האט ער געהאט פרנסה, פלעגט מען אריבערגיין צו אים צו עסן!

ווען מען איז געגאנגען צום ציון, ער האט געוואוינט אין טאל, פלעגט מען אריינגיין צו אים און ער האט געגעבן צו עסן א גאנץ יאר. רבי אברהם בר״נ חזן איז געגאנגען אויפ׳ן ציון, ער האט נישט געהאט וואו צו עסן, איז ער אריינגעגאנגען צו אים. ווי באוואוסט האט ר׳ אברהם שטארק געליטן אויפן מאגן, האט דאס עסן אים דערקוויקט. און פארשטייט אז אלע אונזערע לייט האבן געהאט אן אפענער טיר ביי אים.

שפעטערע יארן איז ר׳ משה צדוק אומגעקומען דורך די נאציס




א מאפע פון שטאט אומאן בערך יאר ת״ר

ימ"ש הי"ד.

**גיימער יעצט ארויף די טרעפ אנטקעגן דעם רבי'נס ציון.** דא לינקס, די געסל וואס פירט צום קלויז. ממש נעבן דעם קלויז איז געווען די שטאטישע מקוה וואס איז אנגעפירט געווארן דורך ר' אברהם דזשערזאגאווסקי, דער איידעם פון ר' געציס. ר' אברהם האט חתונה געהאט צו די אינגסטע טאכטער פון ר' געציס.



ר' אברהם איז געווען א גרויסער כלל טוער. ער האט אויך געוואוינט דא אויף דעם געסל. ווען די קאמוניסטן האבן פארבאטן שחיטה האט מען גע'שחט'ן ביי אים אין שטוב כשר-פלייש פאר די אידן אין אומאן, אונטער אזעלכע שווערע אומשטענדן.

הרבנית ש. געלבאך

תחי' שילדערט אירע קינדערישע זכרונות: איידער דער קאמוניסטישער הערשאפט איז שוין די אידישע געמיינדע אין אומאן געשטאנען מסודר'דיג און פעסט, אין א בחינה פון תורה וגדולה במקום אחד. די אידן זענען געווען אויפן העכסטן שטאפל פון בליאונג. זיי האבן אויך געהאט אן אייגענעם שפיטאל און א דריי-שטאקיגן מושב זקנים וואס שטייט נאך ביז היינט. אפילו א שול אין דער שטאטישע תפיסה האבן עסקנים געזען צו ערלעדיגן.

די בעסערע מענטשן וואס האבן געוואוינט אין ניי-שטאט האבן געזארגט אז די אידן זאלן שטיין גוט. מיר האבן געוואוינט אין אַלט-שטאט. אלט שטאט איז געווען א צוזאמענשטעל פון די פרומערע, ערליכע געמיינדע. די גאסן האבן געווימלט מיט חסידים פון אלע סארט, צווישן זיי סקווערער, טאלנער, ראחמיסטריווקער, סאדיגערער, ברסלב'ער, טשערנאבלער, און נאך.

פינף-און-דרייסיג שולן און א רייע קליינע שטיבלעך האבן באשיינט די גאסן פון אומאן ווי הערליכע צירונגען. די חסידים האבן געהאט יעדער זיין פלאץ פאר א מקום תורה, א פלאץ צו פראווען שבת און יום טוב אויף זייער אייגענעם שטייגער, לויט זייער שיטה.

שבת און יום טוב אין אומאן איז געבליבן ביי מיר אין הארץ פאר אן אנדענק; א שמחה באגלייט מיט התעוררות, קדושה מיט התרוממות, וואס איז אריין אין אלע ביינער ביז צום אנדערן יאר יום טוב.

מיר קינדער האבן ליב געהאט צו לויפן צו דער באן סטאנציע מקבל פנים זיין די פילע ברסלב'ער חסידים וועלכע זענען געקומען צו פארן ערב ראש השנה. מען איז געקומען צו גיין פון אלע שטעט און שטעטלעך, איבערהויפט פון פוילן.

מיר האבן געשלעפט רענצלעך, אנגעגרייט אכסניות, געטיילט עסן, צוגעגרייט די קלויז פאר די געהויבענע טעג. די אנגענעמע זכרונות האט מיך דערהאלטן אין מיינע אומאנגענעמע טעג.

די אידן אין אומאן האבן זיך געמערט און געבליט, און זיך געציילט צו פערציג טויזנט נפשות ביז דער צווייטער וועלט מלחמה. סופרים האבן געשריבן – איבער אכט הונדערט ספרי תורות האבן אנגעפולט דעם ארון קודש פון די שולן – תלמידי חכמים האבן באארבעט ספרים, דרוקערייען האבן אויסגעשפיגן בלעטער און אידן האבן געלערנט תורה מיט התמדה."

ווען מיין טאטע איז אנגעקומען קיין אומאן האט ער באמערקט אז די מקוה אין הויף פון קלויז איז נאכגעלאזט. אַן צעגערן קיין צייט האט ער תיכף גערופן א בעל מלאכה צו פארעכטן די מקוה אויף זיין אייגענע קאסטן. ער האט נישט געוואלט צונעמען דאס געלט וואס קהל האט אים אנגעבאטן, נאר געשטעלט א קינד ביי דער טיר צו שטיין מיט א פושקע וואו מען האט געקענט אריינווארפן נדבות.

מיין טאטע האט אליין געהייצט און גערייניגט די מקוה. אזוי האט ער באקומען דעם צונאמען 'אברהם דער בעדער'. צו האלטן די מקוה ווארעם, האט ער אריינגעטון א בלעך וואס האט געהאלטן אין זיך הייסע קוילן, איך פלעג אים העלפן אויסליידיגן די מקוה, ארויסנעמען די קוילן, איר רייניגן און דערנאך שלעפן וואסער איר צוריק אנצופילן. עס איז געווען א קאמישע בילד צו זען ווי א קליין מיידעלע שלעפט עמערס וואסער. מענטשן פלעגן פליסטערן אונטער מיין רוקן: "ווי אלט ביסטו? דער עמער איז באלד גרעסער ווי דו...'

יעדע פרייע מינוט וואס מיין טאטע האט געהאט האט ער אויסגענוצט פאר תורה. ער האט גוט געקענט לערנען, ער פלעגט לערנען בחברותא מיט רבי לייב, דער רב פון שטאט.

דער רב האט נישט געוואוסט אז ער איז א ברסלב'ער ווען ער האט זיך איינמאל דערוואוסט אז ער איז א ברסלב'ער האט ער מיט וואונדער געפרעגט: "איך האב נישט געוואוסט אז די ברסלב'ער קענען לערנען?" זיי האבן אבער שטארק געשעצט איינער דעם צווייטנ'ס תורה.

איך האב בייגעוואוינט ווי אזוי דער בית דין האט מגייר געווען אונזערע שכנים, א גאנצע משפחה, ווען זייער טאטע איז נפטר געווארן אלס גר און געלאזט צוואה אז קיין בעסערע זאך ווי אידן איז נישט פארהאן. די משפחה איז נישט געווען קיין אויסנאם; אין א דערנעבנדיגן דארף האט געוואוינט א גאנצע געמיינדע פון גרים. אינטערעסאנט צו באמערקן אז טראצדעם וואס אידן האבן געליטן אָן א שיעור רדיפות, זענען די גוים נאך אלץ געווארן צוגעצויגן צו אידישקייט!

איך פלעג זיי טרעפן ימים נוראים אין שול. די פרויען פלעגן שטיין מיט'ן מחזור אין האנט מיט דער גרעסטער מאס תמימות און יראת הכבוד. זיי האבן קוים געקענט ארויסליינען פון מחזור, אבער זיי פלעגן ערליך מתפלל זיין.פון דער דריי-צימערדיגער דירה וואו מיר האבן געוואוינט, האט מען איין צימער אוועקגעגעבן פאר דער שחיטה ווען די קאמוניסטן האבן פארבאטן שחיטה, צו ערמעגליכן אידן צו עסן כשר-פלייש פאר שבת און יום-טוב. דער צימער האט געהאט א טיר צום הויף. יעדע נאכט האט מיין טאטע אויסגעוואשט דאס בלוט פון צימער און באגראבן די מיסט, נישט איבערצולאזן א שפור פון דער גאנצער אקציע וואס איז דארט פארגעקומען. מען האט אריינגעשטעלט אפאר ציגעלעך אין צימער, ס'זאל אויסזען כאילו מען פירט דא א ציגעלע-מילך פאבריק.

אין אנהויב פלעגט מיין טאטע פארן אין מארק איינצוהאנדלען די בהמות, אבער מיט דער צייט איז דאס געווארן צו מסוכן פאַר אים, ווען די מוסרים האבן זיך געדרייט דארט און געסטראשעט אז זיי וויסן זיינע מאטיוון און וועלן אים פאר'מסר'ן ביי די באהערדע. בלית ברירה האט מיין טאטע ארויפגעלייגט דעם תפקיד פון איינהאנדלען די קיען פאר מיר. א קליין מיידעלע האט מען נישט אזוי נאָכגעקוקט, איז מיר געווען גרינגער צו קויפן די קיען אומגעשטערט. מיין טאטע האט מיך אויסגעלערנט דעם פאך פון האנדלען מיט קיען ביז איך בין געווארן א מומחה און געוואוסט פינקטליך וואו מען דארף טאפן און קלאפן אויפן קו צו דערגיין אויב זי איז ראוי פאר א פעטן ביסן...

עטליכע שוחטים זענען געווען איינגעשטעלט ביי מיין טאטן, און אלעס איז געווען אויפן הויכן כשרות סטאנדארט כדי צופרידנצושטעלן יעדנ'ס חומרות, נאכ'ן שעכטן און באשטעטיגן איר אלס כשר, האבן מיר איר צענומען, אראפגענומען די הויט און מסדר געווען די פליישן. דערנאך איז מיין ארבעט געווען דאס ארומצוטראגן צו פארקויפן ביי די קביעות'דיגע קליענטן.

מיין חשוב'ער שוואגער ר' נחמן (רוסישער) קאנעלסקי האט איינמאל פרובירט האלטן דעם קו, האט ער באקומען אזא שטויס, וואס האט אים א לאנגע צייט געהאלטן די ווייען.

אזוי ווי ביי יעדער ביזנעס דארף מען זיך ספראווען מיט אלע שיכטן פון פאָלק, אזוי האב איך אויך.

פאר איינעם פון די שטענדיגע קונים האב איך געמוזט העלפן באהאלטן דאס פלייש פון איר מאן וואס איז ליידער געווארן פריי, דינענדיג אלס קעי. דזשי. בי. אפיציר. זיין פרוי איז געווען א צדיקת און געפירט א כשר'ע קאך אונטער איר מאנ'ס רוקן. טאמער איך האב געקלאפט אין זייער טיר ווען דער מאן האט געעפנט, האב איך זיך געמאכט רואיג כאילו איך ברענג דא פלייש אלס נדבה פאר זיין משפחה. ער האט מיך דעמאלטס פארטריבן מיט באנומענע קולות. ווען איך האב אים געזען ארויסגיין פון שטוב דורך מיין באהאלטענעם אָרט, האב איך זיך צוריקגעקערט איבערצוגעבן דאס פלייש-פעקל פאר דער בעל הבית'טע. די געשרייען פון דעם קעי-דזשי-בי'ניק האט מיך נישט אפגעהאלטן פון צוריקקומען נאכאמאל ליפערן פלייש פאר דער טייערער פרוי וואס האט געהיטן אידישקייט מיט מסירת נפש.

פאר דער מקוה האבן מיינע עלטערן געמאכט פלאץ אין דעם מיטלסטן צימער פון הויז. מיין טאטע מיט זיינע גאלדענע הענט אינאיינעם מיט זיינע חברים, האבן געבויט די מקוה, מיט א קאמופלאזשירטן דעקל איבער דעם. מיר פלעגן אליין רייניגן און אנפילן דעם בור. די מקוה האט אנגעהאלטן גאר א לאנגע תקופה.

וואס איז דער אלטער פארזשאווערטע שלאס? פרעגט דער רוסישער אפיציר ביים פלוצלונגדיגן באזוך?

מיר גייען נישט ארייין דארט איז געווען מיין אנטווארט. וואס איז טאקע דער שלאס? אויפן טיר איז געלעגן אן אלטן פארזשאווערטן שלאס, וואס דאס האט געצייגט אז דער טיר איז שוין פאר יארן פארהאקט, כדי נישט צו ברענגען קיין פארדאכטן אז דא רייניגן זיך אידן אין א מקוה. איינמאל איז געווען אז א רוסישער אפיציר האט דאס אויפגעבראכן און דאס טירל האט זיך געעפנט. ביז דערוויל, בין איך געווען פארנומען צו פארשטעקן די מקוה פון הויז. איך האב זיך אוועקגעזעצט מיט מיין גרויסן מאנטל אויפ'ן דעקל פון בור, כאילו איך בין מיד און איך האב נישט קיין כח צו שטיין. דער רוסישער אפיציר קומט אריין און גייט ארויף אויף די ברעטער וואס האט פארדעקט די מקוה, און מיר זענעןביידע אריינגעפאלן אינעם מקוה וואסער, דער אפיציר האט געהויבן הענט און פיס, מען זאל אים נישט באשולדיגן אז ער האט געשעדיגט דאס מיידל!

דער שטן האט אבער נישט פארגעסן פון אונז.





איין נאכט, נאנט צו פסח, ווען מיין טאטע איז געווען פארנומען צוצושטעלן כשר פלייש פאר די ערליכע אידן לכבוד פסח, בין איך געלעגן אין בעט זאַרגלאָז, ווארטנדיג אז דער מלאך החלומות זאל זיך אנטפלעקן פאר מיר. פלוצלינג, אָן קיין פריערדיגע ווארענונג, האב איך געהערט אגרעסיווע טענער און טענה'רייען וואס קומען ארויס פון אינדרויסן פון הויז. דערנאך איז שטיל געווארן. מיין אטעם איז פארכאפט געווארן אין מיין טרוקענעם מויל. מיין קערפער האט אנגעהויבן צו טרייסלען ווי ביי אן ערד-ציטערניש. איך האב זיך גלייך פארגעשטעלט וואס דארט האט פאסירט. לײדער בין איך געווען גערעכט מיט מיין השערה; דער טאטע איז אוועקגענומען געווארן דורך די פארשאלטענע קעי. דזשי. בי. בשעת ער האט געארבעט אין הויף צו באגראבן די איבערבלייבענישן פון די געשאכטענע קיען.

אין דעם פארצווייפלטן מאמענט האט מיין מאמע אין איר פארלוירנקייט זיך ארייננגעווארפן אין בעט וויינען. איך בין דאן געווען צוועלף יאר אלט, רייפער ווי קינדער אין מיין יאַרגאנג, האב איך גלייך זיך אריענטירט און גענומען די לייצעס אין האנט, ווייסנדיג אז די אויספארשערס וועלן באלד זיין דא צו זוכן עדות קעגן מיין טאטן.

איך בין אריין אין א גויעג מיט'ן זייגער צו זיין געשיקטער ווי די מלאכי חבלה און פארווישן די אידישע שפורן נאך איידער זיי ריקן זיך אָן. אין איין אימפעט בין איך אריבער צום שכן, א סחורה הענדלער, און ארויסגעשלעפט פון אים א בארג סחורה אפצואווישן די בלוט פון דער שחיטה, וואס מיין טאטע האט נישט אנגעיאגט צו ריין מאכן. א גוי'אישע שכנה, גאר א פיינע, האט מיך צוגעהאלפן מיט די ארבעט און באהאלטן די אלע אומלעגאלע געצייג. א גאנצע נאכט האב איך געארבעט אָן אפשטעל.

פונקט ווי איך האב זיך פארגעשטעלט אזוי איז טאקע געווען. אינדערפרי זענען די חברה אנגעקומען, דריי אין צאל. איך האב אבער געוואונען דעם פארמעסט; זיי האבן נישט געטראפן א זכר פונעם גאנצן עסק. מען האט נאר געשפירט דאס געדרוך פון בהמות וואס האבן זיך געדרייט דארט בעפארן זיי שעכטן. געוועגליך פלעגט דאס געדרוך פארמאסקירט ווערן מיט ציגעלער וואס מיר האבן געהאדעוועט, אבער פונקט דאן האבן מיר נישט פארמאגט די ציגעלער. מיר זענען געווען אין א סכנה געכאפט צו ווערן.

איך האב זיך געמאכט א קליין שניט אין מיין פינגער כדי צו קענען ווייזן פאר די אויספארשערס. טאמער וועלן זיי טרעפן עפעס א בלוטיגע געגנשטאַנד, זאל דאס זיין דער תירוץ.

"האבן זיי טאקע געטראפן א בלוטיגע זאך?"

"יא, א קליין בלוטיגע שטריק!"

די רשעים האבן זיך נישט ארויסגעיאגט נאר גענישטערט אינעם הויז אין א פרואוו צו טרעפן מציאות. זיי האבן איבערגעדרייט שאפעס און איבערגעקערט יעדן געגנשטאנד וואס איז זיי געשטאנען אין וועג.

כאטש די חברה האבן באמערקט וואס דא קומט פאָר, האבן זיי נישט געמאכט קיין ווערט דערפון. זיי האבן נאר געוואלט ארויסבאקומען פון מיר עדות'שאפט קעגן מיין באליבטן טאטן, מיינענדיג אז זיי וועלן מצליח זיין. די חברה האבן געשישקעט צווישן זיך: "קום, לאמיר מאכן די ארבעט מיט איר. דאס קליינע מיידעלע וועט זיכער אויסזאגן אלע סודות." זיי האבן מיר אנגעטראגן שאקאלאד, וואס איך האב זיי אפגעזאגט ווייל איך האב געהאט ציין ווייטאג!

ווען זיי האבן געזען אז איך עפן נישט מיין מויל ווי זייער ווילן, האבן זיי פארקירעוועט די אויספארשונג אויף דער אנדערער ריכטונג און געסטראשעט צו אומברענגען מיין טאטן ר"ל. איך האב אבער געוואוסט אז גארנישט קען זיין ערגער ווי אויסזאגן דעם אמת.

זיי האבן געוואלט דערגרונטעווען וואס פינקטליך עס קומט פאָר אינעם שוחט שטיבל. "גארנישט עקסטערס," האב איך זיך געמאכט תמ'וועטע. "געוועגליך זענען דא דארט ציגעלער, אבער היינט זענען זיי נישט דאָ, ווייל נעכטן ווען אייערע לייט זענען דא געווען צו נעמען מיין טאטן, האבן זיי געלאזט אפן די טיר און די ציגעלער זענען נעלם געווארן. איר קענט זיי גיין אפזוכן," האב איך זיי געוויזן מיט'ן פינגער.

די גרעניצלאזע רשעות פון די הארטנעקיגע קאמוניסטן האט זיי נישט אפגעהאלטן פון צו נעמען אויך מיין מאמען אין תפיסה אריין, איבערלאזנדיג אליין א שטוב מיט פיצלער קינדער אָן קיין שיצונג. דער אומדערטרעגליכער צער און פחד פון אונז, קליינע קינדער, איז געווען אומגעהויער גרויס. מיינע געשוויסטער זענען אריין אין א טראומא צוקוקנדיג צו דער שוידערליכער סצענע ווי שווארץ-געקליידעטע אפיצירן זענען

דער שטאטישער שול, בילד פון אמאל און היינט. מיטלסטע בילד וויאזוי מען זעט עס פון ציון





אריין אונזער באליבטע מאמע אינעם שווארצן אויטא.

די קינדער האבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און אלע ווי אין א כאר האבן אנגעהויבן צו וויינען. די הייסע טרערן וואלטן געקענט צעלאזן אייזן, אפילו דעם אייזערנעם פורהאנג. זייערע בכיות זענען געווען ווי ברויזנדע וואַסער-פאלן וואס שטויסן יעדן געגנשטאנד אין וועג.

איך האב נישט געוואוסט ווי אזוי זיי צו בארואיגן. מיטוויינען מיט זיי איז נישט געקומען אין באטראכט. איינער מוז דאך זיין די שטארקע. האב איך זיך מחזק געווען און מיט א געמאכטער שטארקייט זיך אנגערופן: "קומטס קינדערלעך," האב איך זיי געגלעט. "לאמיר אויסניצן די צייט צו דאווענען צום באשעפער." די קינדער האבן פארשטאנען אז נאר די איין עצה איז פארהאן, זייענדיג אויפגעצויגן אין א שטוב וואו תפילה איז געווען דער יסוד. אזוי האבן מיר פארברענגט די נאכט מיט תפילות און בכיות. אונזערע געשרייען האבן זיך געהערט ווי ברומען פון לייבן וואס האבן זיכער אויפגעוועקט אונזערע הייליגע זיידעס אין גן-עדן.

אונזערע הארציגע תפילות זענען אנגעקומען צום ריכטיגן ציל. דעם אנדערן טאג האט אונזער ליבע מאמע אריינשפאצירט אין הויז. מיר האבן ענטפאנגען אונזער פארלוירענע מאמע מיט הילכיגע געשרייען פון פרייד, קאטשענדיג זיך פאר שמחה. פאר אונז האט דאס געמיינט תחיית המתים מיט די אייגענע אויגן ממש, נאכ'ן מיינען קלאר אז די רשעים האבן געטאן מיט איר דאס וואס זיי טוען מיט אנדערע.

מיין מאמע האט אונז מיטגעטיילט ווי זי איז געשטאנען הינטער דער טיר ביים אַהיימקומען, און ארויסגעהערט אונזערע בכיות נוראות אז איר הארץ איז שיער אויסגעגאנגען פאר רחמנות אויף אירע אומשולדיגע שעפעלעך וואס האבן נעבעך אזוי געליטן.

אונזערע תפילות האבן גענוצט אויף פאר'ן טאטן; א קורצע צייט שפעטער האט זיך אויך דער טאטע פאראייניגט מיט אונז. טאקע אהיימגעקומען קראנק ערשעפט, אבער דאך געבליבן לעבן. די משפחה האט געפראוועט פייערונגען פון לויב און געזאנג. די אומגעווענליכע ערשיינונג פון די גרויסע ניסים איז געווען א זעלטנהייט אין יענער צייט, ארויסצוקומען גאנץ פון אונטער די קאמוניסטישע לאפעס.

שפעטער ווען מען האט פארכאפט די קדושים איז מיין טאטע אנטלאפן קיין קרומענטשוק. די לעצטע שטיק צייט איידער די מלחמה האט אויסגעבראכן האבן מיר מער נישט געוואוינט אין אומאן.

**אז מיר גייען דא אביסל נענטער צום קלויז, קומען מיר אן צו די גרויסע באוואוסטע שול פון אומאן.** דא אין דעם שטאטישן שול איז פארגעקומען די הריגות אין די צייטן פון גאנטע ימ"ש. דאן ווען איך פלעג שפאצירן מיט ר' יואל האט די גאס געטראגן די נאמען 'בוסטאטשנא' היינט הייסט עס סכידנע, אין די צייטן ווען דער דער רבי האט דארט געוואוינט האט עס געהייסן 'בעזילאנסקי'. אין די צייטן פון די קאמוניסטן האט זיך געביטן דער נאמען.

דער שול איז געווען א ריזיגער שול, אזוויי מען זעט נאך היינט. איך פלעג אריינגיין אינעם שול און שפאצירן אין אלע שטיבלעך, אבער עס איז שוין א חורבה היינט, און צעטיילט אויף צימערן און שטאקן. עס באלאנגט היינט פאר א פאבריק. לכאורה נוצט מען עס מער נישט, ז' שטייט שוין פוסט.

אין דעם חצר איז ליידער אויפגעשטעלט געווארן די חופה וואו די קדושים זענען אומגעקומען. שפעטערע יארן ווען עס איז פארגעקומען א חתונה אין שטאט פלעגט מען דא שטעלן די חופה לזכר די חופה אונטער וועלכע מען האט ליידער גע'הרג'ט אזויפיל אידישע קינדער.

איך פלעג דא שפאצירן מיט ר׳ יואל שטראקס. ער פלעגט זייער נתרגש ווערן ביים אריבערגיין דא.

דער שטוב פון ר׳ נחום שטראקס איז געווען דא נאנט צום אלטן שטאטישן שול, דארט פלעגט ר׳ אברהם בר״נ איינשטיין און עסן. די חסידים פלעגן אויך קומען נאך דאווענען שבת אינדערפרי צו לערנען סיפורי מעשיות, ר׳ אברהם בר״נ פלעגט דא אסאך רעדן זיינע שמועסן.

אויף דער פלאץ פון ר׳ נחום שטראקס דירה, שטייט היינט א גרויסער בנין מיט אפיסעס. די אוקריינער האבן אראפגעווארפן די שטיבעלעך פון די גוים און געבויט נייע בנינים.

מיר גייען יעצט צוריק ביז די טרעפ וואס מיר זענען ארויפגעקומען, מיר האבן דארט גענומען א לינקס, יעצט וועלן מיר גיין אויף רעכטס. די אלע שטיבעלעך וואס שטייען דא פוןביידע זייטן זענען געווען באוואוינט נאר מיט פרומע אידן, פון צווישן זיי איז געווען היפש אסאך ברסלב׳ער חסידים.

דא אין שטאט האבן געוואוינט צווישן דרייסיג און פערציג



מושב זקנים אין אומאן

טויזנט אידן, זייער א גרויסע אידישע שטאט, פארשטייט זיך אז נישט אלע זענען געווען פרומע אידן, אבער גאר א גרויסע צאל זענען געווען אידן שומרי תורה ומצוות.

דא שטייט אן אלטע הויז וואו עס וואוינט א גוי. דער גוי האט מיר אריינגענומען אין שטוב און געוויזן אז דא איז געווען א סינאגאגע. למעשה איז דאס געווען א סדיגורא שטיבל, פון די סדיגורא חסידים, עס איז א גרויסער הויז, אבער איך האב געזוכט די מזוזות אדער כאטש סימנים דערפון אבער איך האב נישט געפונען.

ווייטער דא אויף די לינקע זייט שטייט א בנין פון דריי שטאק. דא איז געווען דער אידישער מושב זקנים. עלטערע אידן פון שטאט האבן זיך דא געפינען. אין אומאן איז געווען א גרויסער

עושר פון די ארענשטיין פאמיליע (מער איבער זיי אין די קומענדיגע בלעטער) וואס האט געבויט עטליכע בנינים פאר אידן אין אומאן, איינע פון די בנינים איז געווען די מושב זקנים. דא איז געווען צוגעשטעלט עסן פאר די עלטערע אידן, אין יענע צייטן ווען ר׳ אברהם בר״נ האט זיך געפינען אין אומאן און איז געווען אליין אן זיין משפחה פלעגט צומאל אריינגיין עסן אינעם מושב זקנים.

לאמיר שפאצירן ווייטער.

### ר׳ זלמן, איר ווייסט אפשר וואו מען האט געבאקן מצות אין אומאן?

דאס ווייס איך אז אין איינע פון די שטיבער האט מען געבאקן מצות. עס איז זייער מעגליך אויב איך האב נישט קיין טעות אז אין שטוב פון ר׳ אברהם דזשעראגאווסקי [דער בעדער] דאכט זיך מיר אז ביי אים האט מען אויך געבאקן מצות. ווען די קאמוניסטן זענען געקומען זיין בודק האט מען שנעל אלעס פארפאקט, אז די חברה זאלן נישט באמערקן די גרויסע עוולה וואס איז געטון געווארן אונטער זייער נאז.

*רעביצין געלבאך דערציילט איבער אירע זכרונות, ווען זיי*

*האבן געבאקן מצות אין אומאן גלייך נאכן צווייטן וועלט קריג, ווען זי איז שוין געווען חתונה געהאט צו איר חשוב׳ן מאן להבחל״ח ר׳ יצחק געלבאך:*

*ערב פסח האט מיין מאן אינאיינעם מיט מיין מאמען געבאקן מצות פאר די שארית הפליטה, אונטער דער נאז פון די קאמוניסטן. דער אויוון איז געווען ביי ר׳ לוי יצחק בענדער אין הויף. פאר יעדע משפחה איז אויסגעקומען נישט מער ווי דריי מצות, אבער מען האט זיך געפריידט מיט דעם אויך. צום עסן האט מען געקויפט עטליכע צוויקל און מיט׳ן בארשט האט מען איבערגעלעבט דעם פסח.*

**אט דערנענטערן מיר זיך צו דעם הייליגן ארט וואו דער רבי איז נסתלק געווארן.** ווען איך




פלעג דא שפאצירן מיט יארן צוריק מיט ר׳ מעכל דארפמאן ז״ל אין יאר תשנ״א האט נאך קיינער נישט געוואוסט פון דעם ארט. ר׳ מעכל האט געוויזן דעם פלאץ פאר מיר און נאך צוויי אידן וועלכע זענען מיטגעקומען.

מיר האבן געזען א שיינער גרויסער בוים אבער דער בוים איז נישט געשטאנען ממש





אויפן ארט ביים הסתלקות, ווייל דער הייליגער ארט איז אביסל טיפער אריין וואו עס שטייט היינט די הויז.

איידער דער הייליגער רבי איז אוועק פון דער וועלט, האט ער געבעטן מען זאל טראגן זיין בעט אויף א ספעציעלן ארט וואס ער האט פארשטאנען אז דאס איז דאס ארט וואו ער דארף איבערגעבן זיין נשמה למעלה. דאס פלאץ האט א ספעציעלע חשיבות ביי אונז אלע, דער ווינקל וואו דער רבי האט געוואלט נסתלק ווערן.

אויף דעם ארט איז געווען די הויז וואו דער רבי האט געזאגט די באוואוסטע תורה כ"א פון חיים נצחיים, אז ס'איז נישט דא קיין גרויסער צווישנשייד צווישן דאס לעבן יעצט מיטן לעבן פון לעתיד, א קליין חילוק פון פיר איילן און דער הייליגער רבי האט געוויזן מיט זיין האנט אויפן בית החיים. מען קען טאקע פון דא גוט זען דעם בית החיים וואו דער רבי ליגט ביז צום היינטיגן טאג.

די שטוב וואו דער רבי איז נסתלק געווארן איז שפעטער חרוב געווארן. ערגעץ אויף דעם ארט שטייט היינט אן אנדערע שטוב און עס איז צוגעוואקסן א בוים. היינט נייט מען אין דעם בנין קליידער.

### פארוועם האט באלאנגט די דירה פאר נחמן נתן?

ניין. נאכן וואוינען אין שטוב פון נחמן נתן איז דער רבי אריין אין דער דירה פון ר' יוסף שמואל, אבער שבת נחמו איז ער ארויס פון די דירה פון ר' יוסף שמואל, און אריין אין נאך א דירה, ווי ר' נתן שרייבט אין ימי מוהרנ"ת. די אלע דירות זענען געווען אויף דעם געסל.

מיר גייען צום מארק, דאס איז דער זעלבער מארק וואס איז נאך געשטאנען בחייו פונעם רבי'ן. דא לינקס זענען פאראן עטליכע אריינגענג צום מארק. ווען מיר גייען דא אביסל אויף צוריק זעט מען שטיין א גרויסער הויז וואו עס איז געווען דער טולנא שטיבל. ז' איז שוין לאנג חרוב געווארן. די גוים האבן געבויט דארט א געשעפט ווייל דאס איז הארט נעבן דער מארק.

דא אין געגנט האט געוואוינט א גרויסער נגיד, ר' קלמן וועלכער איז געווען אן איידעם אויך ביי א גרויסן גביר. ער האט געבויט א קלויז דא אין געגנט. זיי האבן אויך געבויט א שפיטאל און דער מושב זקנים.

*מיר ציטירן די ווערטער וויאזוי ר' לוי יצחק דערציילט אונז וועגן ר' קלמן:*

*אין אומאן איז געווען א קלויז וואס מ'האט גערופן, 'ר' קלמנ'ס קלייזל'. דער ר' קלמן איז געווען א גביר נאך אין רבי'נס צייטן. ער האט געהאלטן פון רבי'ן זייער. דער ר' קלמן איז געווען פון די 'גרויסע גבירים', פון די ארענשטיין פאמיליע, פון די גרויסע מיליאנערן פון דער וועלט.*

*אין דעם קלייזל איז ווינטער געווען ווארעם און ליכטיג. ר' קלמן האט שוין דעמאלט נישט געלעבט אבער עס האט געהייסן זיין קלייזל. מען האט דאס געפידערט אויף שיינעם אופן.*

*ר' לייבלע קאנסטאנטינער פלעגט דארטן זיצן ביינאכט. ער איז געקומען אין שול חצות ווען עס איז געווען ווארעם און האט דארט געדינט דעם אויבערשטן. פון מאל צו מאל האט ער אויסגעבראכן אין א געוויין!*

*דער שמש פון דעם קלייזל האט געהערט ווי ער וויינט אזוי, האט ער געמיינט אז ער וויינט ווייל ער האט נישט קיין פרנסה, ער איז אן ארימאן... ער האט נישט געוואוסט אויף וואס ער וויינט אזוי.*

*דער שמש האט נאך געדענקט דעם רבי'נס הסתלקות! האט ער אים געזאגט: "וואס וויינט איר? איך וועל אייך דערציילן א מעשה פון אייער רבי'ן וועט איר נישט וויינען מער."*

*האט ער אים דערציילט: זיין טאטע איז געווען פון די חברה קדישא בשעת דעם רבי'נס הסתלקות, און זיין תפקיד איז געווען אראפצולאזן דער נפטר אין קבר. בשעת ווען מען האט אים געגעבן דעם נפטר, האט ער זיך אראפגעבויגן צו*



אוועקלייגן און מקבר זיין דעם רבי'ן איז געווארן אזא מין לעכטיגקייט אין קבר. פלוצלונג האט ער געשפירט ווי מען נעמט אים אוועק דעם נפטר און מען לייגט אים אוועק אין קבר!

דער טאטע האט אויסגעפירט: "דאס ווייס איך קלאר אז איך האב דעם רבי'ן נישט אוועקגעלייגט! מען האט אים ביי מיר צוגענומען פון די הענט, און מען האט אים אוועקגעלייגט אין קבר! דאס האב איך אליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן! זאג איך דיר אן, אז דו זאלסט וויסן, דו זאלסט זיך היטן, און דו זאלסט נישט רעדן אויף די ברסלב'ע חסידים. אזוינס האב איך געזען דא!"

האט דער שמש דאס דערציילט ר' לייבלען, און ער האט אים געזאגט: "אז דו האסט געהאט אזא רבי, דארפסטו וויינען"?!

ר' נתנ'ס קלויז איז אויך אויף דעם גאס. מען דארף פארשטיין אז ביי אונז אין קלויז איז נישט אלעמאל געווען ווארעם, פון גרויס ארימקייט וואס האט געהערשט יענע צייט. זיך אנווארעמען די ביינער האט מען געקענט דא אין ר' קלמנ'ס קלויז.

**דער רב, ר' שלום מלמד האט געוואוינט אין דעם געגנט.**

אין פושקינא וואו עס איז היינט קרית ברסלב איז געווען דער גרעניץ פון די אידן. די גוים די פלעגן ווארפן שטיינער אויף די אידן. ר' יואל האט מיר דערציילט אז ווען ער איז געווען א יונגל פלעגן די אוקריינישע שקצים זיי אטאקירן. מען פלעגט זיי נאכלויפן, אזוי ווי כלל ישראל איז שווין ליידער צוגעוואוינט.

אויבן העכער ארויף פושקינא ביים ווינקל פון גאס צום גרויסן גאס סאדאווע וואס טראגט צו סאפיע פארק, דארט וואו עס שטייען אסאך טראקס, איז אויך געשטאנען א שול.

אויף די אנדערע זייט שטאט איז די מארק. איך דערמאן זיך אז ווען איך בין געגאנגען שפאצירן מיט ר' יואל אין די נייע שטאט, וואו עס האבן מיט יארן צוריק געוואוינט גאר אסאך אידן, האט דארט געוואוינט א רבי מיטן נאמען ר' יושע'לע, אן אייניקל פון רבי גדליהו ליניצער ז"ל. ער איז געווען דער רבי אין אומאן, עס דאכט זיך מיר אז ס'געווען נאך א רבי מיטן משפחה נאמען טווערסקי, א טשערנאבעלער אייניקל, ר' יושע איז געווען אויף מער א גרעסער פארנעם.

דער ר' יושע'לע האט געהאט א בית מדרש וואס שטייט נאך ביז היינט. דאס איז ממש אינמיטן שטאט וואו עס איז פאראן אן אלטע האטעל נאך פון די קאמוניסטישע צייטן. הארט דערנעבן שטייט דער שול. עס איז ממש אנטקעגן די שטאט-ראט בנין.

עס זענען דארט פארהאנען צוויי האטעלס, הינטער דעם האטעל זענען געשטאנען צוויי שולן, איינע איז געווען פון ר' יושע, און דערנעבן איז געווען א גרויסע שטאטישע שול, וועלכע זענען היינט פארוואנדלט געווארן צו געשעפטן. ווען איך בין ארויף אויבן אין ווייבער-שול האב איך געזען אז עס איז צעטיילט אויף דריי געשעפטן. עס איז זייער א גרויסע שול, וואס האט אריינגענומען אין זיך גאר אסאך מתפללים. נעבן דעם שטייט דער הויז וואו דער ר' יושע'לע האט געוואוינט מיט זיין שול.

ווען די באנדעס זענען אריין אין אומאן, איז ר' יושע'לע אנטלאפן. זיין זון מיטן נאמען גדליהו אהרן איז ליידער דעמאלט גע'הרג'ט געווארן. ר' יושע'לע האט געזען אז מען קען מער נישט בלייבן דא, איז ער אוועקגעפארן און שפעטער




אנגעקומען קיין אמעריקע. ער ליגט באגראבן אינעם זעלבן בית החיים וואו עס ליגט דער ליובאוויטשער רבי אין קווינס, נאר אין די צווייטע אידישע חלקה.

ר' יושע'לע האט געשריבן א ספר 'ערכי יהושע'. ער איז אויך געווען א גרויסער דאקטער און פלעגט שרייבן רעצעפטן. אין שטאט איז ער געווען באוואוסט אלס א גרויסער מבין אין רפואה. מען פלעגט קומען צו דורכשמועסן עצות אין רפואה, דערצו איז ער אויך געווען גאר א גרויסער תלמיד-חכם.

ר' לוי יצחק פלעגט אלעמאל רעדן פון דעם ר' יושע'לע. עס זעט אויס אז ר' לוי יצחק האט געהאט מיט אים שייכות וועגן אלע אויפטוען וואס ער האט געטון אין שטאט, אבער כ'האב קיינמאל נישט געוואוסט ווער איז דער ר' יושע'לע. שפעטערע יארן איז קלאר געווארן אז דאס איז דער ר' יושע'לע. זיין נאמען איז געווען ר' יושע העשיל ראבינאוויטש אדמו"ר מ'מאנאסטרישטש ז"ל.

ער פלעגט זאגן בבדיחותא: "אין שטאט בין איך נישט קיין דאקטער, און ביי די ברסלב'ע בין איך נישט קיין רבי! בין איך אויסגעשפילט אינגאנצן..."

מיר האפן אי"ה ביי די קומענדיגן געלעגנהייט ווייטער ממשיך זיין מיטן שפאציר מיט נאך היסטארישע אינפארמאציע.



# וֶוער לַאדְנְט דֶעם גֵר אוֹיפְן סֵדֶר נַאכְט?!

פוּן אַלְס יוּנְגֶערְהֵייט הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל קַרְדוּנֶער זֵייעֶר גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶס פֶעלְט אִים עֶפֶּעס, סַיי אִין תּוֹרָה אוּן זַיין תְּפִלָּה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְצֵייגְן פּוּנְקְטְלִיךְ מִיט וָואס צוּ שְׁטִילְן זַיין דָארְשְׁט אוּן זַיין תְּשׁוּקָה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַב וּבֶן יָחִיד, אַייךְ הָאבּ דָאךְ שׁוֹין גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה, עֶנְק וַוייסְן וָואס מֶען טוּן וֶוען מֶען פִילְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דַאוֶונֶען אָדֶער בַּיים לֶערְנֶען? מֶען פָּארְט צוּ אַ צַדִיק! אַזוֹי טַאקֶע הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ דִי צַדִיקִים פוּן זַיין דוֹר.

פַאר עֶר אִיז אַרַיין צוּ דִי רֶבִּי׳ס הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אַ קְוִויטְל, אִין קְוִויטְל הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְן אַז עֶר בֶּעט נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם! דִי רֶבִּי׳ס הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אִידְן שְׁרֵייבְּן קְוִויטְלֶעךְ בֶּעטְן זֵיי בַּקָשׁוֹת אוּן עֵצוֹת וְויאַזוֹי צוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶע זַאכְן, אָבֶער דֶער ר׳ יִשְׂרָאֵל, עֶר בֶּעט גָארְנִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן! עֶר וִויל נָאר יִרְאַת הַשֵּׁם!

עֶטְלִיכֶע פוּן דִי רֶבִּי׳ס הָאבְּן אִים צוּלִיבּ דֶעם דֶערְוַוייטֶערְט, נִישְׁט גְלֵייבְּנְדִיג אַז זַיינֶע בַּקָשׁוֹת זֶענֶען מִיט אַן אֱמֶת, אָבֶער עֶס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען רֶבִּי׳ס וָואס הָאבְּן אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן צוּגֶעוואוּנְטְשְׁן אַ בְּרָכָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם.

אָבֶער ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט נִישְׁט אַיינְגֶערוּעֶט, זַיין זֶעל הָאט זִיךְ גֶעהוֹיבְּן מִיט שְׁטֶענְדִיגֶע בֶּענְקֶענִישְׁן אוּן כִּסוּפִים צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי שְׁטֵייט עֶר פַארְלוֹירְן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וָואס טוּט מֶען?!

זַיין פָּאטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אַ בַּאוואוּסְטֶער סוֹחֵר. וֶוען זַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ פַארְעֶלְטֶערְט הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דָאס גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן פַאר ר׳ יִשְׂרָאֵל וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַ גוּט קֶעפְּל צוּ קֶענֶען פִירְן אַזֶעלְכֶע פַארְצְוַוייגְטֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

אַ גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין שְׁטָאט, אִין זַייטִיגְן גֶעסְל אִיז גֶעוֶוען אַ סְטָארִידְשׁ וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעלֶעגְן אַלֶע סְחוֹרוֹת. ר׳ יִשְׂרָאֵל פְלֶעגְט נֶעמֶען מִיט זִיךְ פוּן צַייט צוּ צַייט אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מְשָׁרְתִים מִיט אַ וָואגְן אוּן גֶעפָארְן צוּם סְטָארִידְשׁ צוּ אָנְלָאדֶענֶען דֶעם וָואגְן מִיט סְחוֹרָה, עֶר הָאט אָפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם בַּאדִינֶער צוּרִיק צוּם גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶר אִיז פַארְבְּלִיבְּן דָארְט צְווִישְׁן דִי גֶעפֶּעק אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן גֶעוֵויינְט אַז מֶען זָאל זִיךְ שׁוֹין מְרַחֵם זַיין פוּן אוֹיבְן אוּן אִים גֶעבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַזוֹי הָאט עֶר דָארְט פַארְבְּרֶענְגְט עֶטְלִיכֶע שָׁעוֹת מִיט תְּפִלּוֹת אוּן גֶעבֶּעט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען זַיין טַאטֶע אוּן מִשְׁפָּחָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אַנוּנְג וָואס עֶר טוּט דָארְט אָפּ, מֵיינֶענְדִיג אַז עֶר פַארְנֶעמְט זִיךְ דָארְטְן מִיט דִי בִּיזְנֶעס!

אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִירְט טָאג טֶעגְלִיךְ. בִּיז וֶוען אֵיין טָאג הָאט עֶר גֶענִישְׁטֶערְט [גֶעגְרָאבְּן] אִין דִי גְנִיזָה פוּן דִי שֵׁמוֹת זֶעק אוּן זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט אַ קְלֵיין סֵפֶר׳ל אָן אַ דֶעקְל... עֶר הֵייבְּט אָן לֵיינֶען אוּן דָארְט זֶעט עֶר פַאר זַיינֶע אוֹיגְן עֶפֶּעס אַ הַבְטָחָה אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ וֶועט זִיךְ דֶער צַדִיק מִשְׁתַּדֵל זַיין מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אִים אַרוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען אֲפִילוּ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

דָאס אִיז אַרַיין טִיף אִין הַארְץ פוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל, עֶר וֵוייסְט אָבֶער נִישְׁט וֶועלְכֶער צַדִיק הָאט דָאס צוּגֶעזָאגְט? וַוייל דֶער סֵפֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין דֶעקְל, עֶר הָאט קַיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי׳ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים. הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְפָארְשְׁטְן וֶועגְן דֶעם סֵפֶר בִּיז עֶס אִיז אִים קְלָאר גֶעוָוארְן אַז דָאס אִיז אַ סֵפֶר "תִּיקוּן הַכְּלָלִי" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען אוּן דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע תִּיקוּן פַאר גְרוֹיסֶע זִינְד...

עֶר וִויל נָאךְ סְפָרִים פוּן דֶעם צַדִיק. הָאט עֶר גֶעזוּכְט, נוּ אַז מֶען זוּכְט... טְרֶעפְט מֶען! אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם רֶבִּי׳נְ׳ס סְפָרִים אוּן דָאס הָאט אִים אָפְּגֶעקִילְט זַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע הַארְץ וָואס הָאט זֵייעֶר וִויכְטִיג גֶעפָאדֶערְט דִי קַאלְטֶע קְוַואל וואַסֶער צוּ בַּארוּאִיגְן זַיין בֶּענְקֶעדִיגֶע נֶפֶשׁ.

אָבֶער אֵיין זַאךְ אִיז אִים נָאכְנִישְׁט רוּאִיג אוֹיפְן הַארְץ, וואוּ אִיז דִי קֶבֶר פוּן דֶעם צַדִיק וואוּ מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַזַא מַתָּנָה? אַזַא צוּזָאג.

וֶוען זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דִי שְׁטָאט לַייט הָאבְּן זִיךְ דֶערְוְויסְט אַז ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי׳נְס דַעַת, הָאבְּן זֵיי לַיידֶער אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן רוֹדֵף׳ן מִיט אַלֶע סָארְט בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁרַייעֶרַייעֶן. אַנְשְׁטָאט וָואס עֶר אִיז בִּיז הַיינְט גֶעוֶוען אוֹיף אַזַא הוֹיכֶע פָּאזִיצְיֶע אוּן גֶעהַאט כָּבוֹד, סַיי אַלְס זַיין קְלוּגְשַׁאפְט אוּן אוֹיךְ זַיין רַייכְקַייט אַלְס גוּטֶער בִּיזְנֶעסְמַאן, אִיז עֶר יֶעצְט גֶעוָוארְן אַן אָפְּגֶעפְרֶעגְטֶער אוּן פַארְשֶׁעמְטֶער.

אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד וֵוייסְט אָבֶער דִי עֵצָה פוּן תּוֹרָה ו' "הֶערְן אוּן לַיידְן דִי בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁוַוייגְן" דָאס הָאט אוּנְזֶער ר' יִשְׂרָאֵל גֶעטוּן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף נֶצַח נְצָחִים, עֶס גֵייט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיין אִין אוֹיעֶר דִי אַלֶע קְלָלוֹת פוּן דִי אַרוּמִיגֶע. מִיט דֶער צַייט אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוָוארְן וֶועגְן דֶעם שְׁטָאט אוּמַאן אוּן אַז דָארְט אִיז דֶער קֶבֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. ר' יִשְׂרָאֵל הָאט גֶענוּמֶען שְׁרִיט אוּן גֶעוָואלְט אוֹיסְפִירְן זַיינֶע פְּלֶענֶער אוּן זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן צוּם דֶעם הֵיילִיגְן קְוָואל.

וֶוען זַיינֶע אַרוּמִיגֶע הָאבְּן זִיךְ דֶערְוִויסְט הָאבְּן זֵיי אִים צוּגֶענוּמֶען זַיינֶע שִׁיךְ... דָאס וֶועט אָבֶער נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן ר' יִשְׂרָאֵל! עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר זֶעט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן דֶעם תַּכְלִית וָואס עֶר גֵייט בַּאקוּמֶען אוּן זוֹכֶה זַיין נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ בַּאזוּכְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן.

וֶוען דִי אַרוּמִיגֶע הָאבְּן גֶעזֶען אַז גָארְנִישְׁט שְׁטֶעלְט אִים נִישְׁט אָפּ, הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעהֶעצְט זַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן אִים נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן קַיין יְרוּשָּׁה אוּן מֶען זָאל אִים צוּנֶעמֶען אַלֶע טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעוואוֹינְט אָנְצוּטוּן אַלְס קִינְד פוּן אַן עוֹשֶׁר. אָבֶער ר' יִשְׂרָאֵל אֲפִילוּ מִיט זַיינֶע בְּלוֹיזֶע קְלֵיידֶער הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעמַאכְט דֶעם לַאנְגְן וֶועג קַיין אוּמַאן אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְפִילְן זַיינֶע בַּקָשׁוֹת אוּן רְצוֹנוֹת.

דָאס גֶעמִיט הָאט זִיךְ גֶעהוֹיבְּן בַּיי ר' יִשְׂרָאֵל נָאכְן בַּאזוּכְן דֶעם הֵיילִיגְן צִיּוּן, זַיינֶע תְּפִלּוֹת הָאבְּן בַּאקוּמֶען גָאר אַן אַנְדֶערֶע פְּשַׁט, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען הָאט גֶעקֶענְט אֲפִילוּ אַ שְׁטֵיין צוּגֵיין פוּן דִי זִיסְקֵייט פוּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן וָוארְט וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל.

ר' יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ בַּאקַאנְט גֶעמַאכְט מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט אוּן אִיז גֶעפָארְן צוּם טְשֶׁערִינֶער רָב, וֶועלְכֶער הָאט אִים גָאר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אִים אוּן גֶערֶעדְט פוּנֶעם תַּכְלִית. אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז אַז טְשֶׁערִינֶער רָב הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף ר' יִשְׂרָאֵל אַז דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט סוֹף מַעֲשֶׂה פוּן זְבוּב וְעַכָּבִישׁ, וֶועגְן דֶער מֶלֶךְ וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ יְפַת תֹּאַר וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אִיר אַלֶע מִינֵי חֵן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז דָאס הָאט דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז גֶעוֶוען אוֹיף ר' יִשְׂרָאֵל.

פוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּ ר' מֹשֶׁה בְּרֶסְלֶבֶ'ער – אַ תַּלְמִיד פוּן ר' נָתָן – בַּיי וֶועם ר' יִשְׂרָאֵל הָאט בַּאקוּמֶען רוֹב פוּן זַיין תּוֹרָה אוּן אִיז גֶעוָוארְן גָאר גֶעבִּינְדְן מִיט אַ שְׁטַארְקְן קֶשֶׁר, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן ר' מֹשֶׁה הָאט ר' יִשְׂרָאֵל גֶעהַאלְטְן זַיין יָארְצַייט אַזוֹי וִוי אַ קִינְד נָאךְ אַ טַאטְן.

וֶוען ר' יִשְׂרָאֵל'ס פָּאטֶער הָאט גֶעזֶען זַיין עֶרְנְסְקַייט אוּן עֶרְלִיכְקֵייט, אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוען ר' יִשְׂרָאֵל הָאט זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען זַיין פָּאטֶער נָאכְמֶער וִוי זַיינֶע בְּרוּדֶער, הָאט עֶר חֲרָטָה בַּאקוּמֶען אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אוּן מַתִּיר נֶדֶר גֶעוֶוען וֶועגְן דֶער יְרוּשָּׁה.

פוּן דָארְט הָאט ר' יִשְׂרָאֵל גֶעוָואנְדְן זַיינֶע טְרִיט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ עֶר אִיז אַרִיבֶּער וואוֹינֶען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דְרוּקְן דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים. וִויבַּאלְד זַיין עִיקָר בִּיזְנֶעס אִיז גֶעוֶוען תְּפִלָּה! אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין גַאנְצֶע טֶעג מִיט הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ הָאט עֶר זִיךְ גֶעצוֹיגְן קַיין מִירוֹן צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן הַתַּנָּא אֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, מִיטְנֶעמֶענְדִיג מִיט זִיךְ עֶטְלִיכֶע בְּרוֹיטְן אוּן דָארְט צְוִוישְׁן דִי הוֹיכֶע בֶּערְג וִוי קַיין נֶפֶשׁ חַיָּה דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט דָארְט הָאט עֶר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

זַיין גְרוֹיס צִדְקוֹת אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט פַאר יֶעדְן אִיד אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ, עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַוֶועקְגֶעבְּן זַיין לֶעצְטֶע בִּיסְל בְּרוֹיט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִין דֶער צַייט וֶוען בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס הוּנְגֶער. אַלֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער אוּן אַלְמָנוֹת וִיתוֹמִים הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן בַּיים אִים אַ פְּלַאץ, וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֵיי אַרַיינֶעמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן אָנְקְלֵיידְן אוּן שְׁפַּייזְן מִיט דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע מֶער פוּן וָואס זַיין אָרִימֶע הַאנְט הָאט פַארְמָאגְט.

יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער הוּנְגֶער, אַסַאךְ אָרֶעמֶעלַייט וָואס קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיין נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ בַּיי ר' יִשְׂרָאֵל אִינְדֶערְהֵיים וֶועלְכֶער הָאט זֵיי גֶערְן אַרַיינְגֶענוּמֶען אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען הוֹיפְּט מְחֻתָּנִים בַּיי זַיין טִישׁ.

וִוי אוֹיךְ אַסַאךְ קְרַאנְקֶע אוּן קְרֶעצִיגֶע אִידְן וָואס מֶענְטְשְׁן אִין גַאס הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ שְׁטֵיין נֶעבְּן זֵיי אוּן זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט זֵיי אִיז ר' יִשְׂרָאֵל גֶעוֶוען וִוי אַ טַאטֶע פַאר זֵיי אוּן זֵיי אַרַיינְגֶענוּמֶען אוּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זֵיי בִּיז זֵיי הָאבְּן צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַ צוּרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

דֶער עִנְיָן פוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּ הַשֵּׁי"ת דוּרְךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפּ שְׁרֵייבְּן. וִויפִיל מֶען זָאל נָאר רֶעדְן וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג דִי רֵייד צוּ פַארְצֵיילְן וִוי עֶר הָאט מַפְקִיר גֶעוֶוען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן עִנְיָן.

מִיר וֶועלְן דָא אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אֵיין מַעֲשֶׂה'לֶע מִיר זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ מֻשָּׂג פוּן וָואסְפַאַרַא הֵיילִיגֶער אוּן גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ מֶען רֶעדְט דָא.

עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעפִירְט זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין בַּיים צִיּוּן פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא ר' שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אוּן זַיין זוּן ר' אֶלְעָזָר. דָארְט אִין מִירוֹן הָאט עֶר מַקְדִּישׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר



אַסאךְ שָׁעוֹת, טֶעג און יָארְן הָאט עֶר דָארְט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תְּפִלָּה וְתַחֲנוּנִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיין יָאר וֶוען עֶס הָאט זִיךְ פַארְשְׁטַארְקְט דָארְט זֵייעֶר אַ בִּיטֶערֶע קֶעלְט, חוּץ פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי כּוֹחוֹת צוּ אִיבֶּער טְרָאגְן דִי קֶעלְט הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז מִן הַסְּתָם אִיז דֶער רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל גֵיין קַיין טְבֶרְיָה אוּן זִיךְ דָארְטְן בַּאזֶעצְן, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוֶוען זִיכֶער מִיט דֶעם, וַוייל וִוי קֶען מֶען אָפְּלָאזְן אַזַא הֵיילִיגֶע אָרְט, דֶער הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן? הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן אַסאךְ בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל וִויסְן וָואס צוּ טוּן, אוּן וָואס אִיז דֶער רָצוֹן ה'. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט אַ סֵפֶר אוּן גֶעטְרָאפְן אַ רֶמֶז אַז עֶר זָאל יָא פָארְן קַיין טְבֶרְיָה אוּן הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן.

אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין טְבֶרְיָה הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוואוּסְט אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט אַ אִידְל וָואס וִויל וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר בֶּענְקְט דֶערְצוּ, וִוי עֶר אִיז נָאר אָנְקוּמֶען אִין דֶעם אָרְט הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטְרָאפְן דֶעם אִיד אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט אִים אַ גַאנְצֶע נַאכְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. עֶס אִיז אַרוֹיס אַ טוּמְל אִין דִי גַאסְן וֶוען מֶען הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט אִין שְׁטָאט אַז עֶס אִיז דָא אַ 'פַארְכַאפֶּער' אֵיינֶער וָואס מַאכְט בְּרֶסְלֶבֶ'ערְס! הָאבְּן זֵיי גֶעדִינְגֶען גוֹיִם זָאלְן אִים ... עֶר אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל אִין גָאר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אָבֶער ר' יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט אִים דָאס אִיז זַיין טְרֵייסְט.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי טֶעג וָואס דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ צוּ פֶּסַח, הָאט עֶר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פַאר זַיין הוֹיז-גֶעזוּנְט אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אַרִיבֶּער צִיעֶן צוּ אִים אוֹיף פֶּסַח וַוייל גְלַייךְ בַּיים אָנְגֶעקוּמֶען אִין טְבֶרְיָה הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן פַאר דֶעם בַּעַל עֲגָלָה הָאבְּן זֵיי אִים גֶעגֶעבְּן זֵייעֶרֶע קִישֶׁענֶעס פַאר אַ בַּאלוֹינוּנְג

אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן אָן קַיין אַכְסַנְיָה וַוייל ר' יִשְׂרָאֵל אַלֵיין אִיז גֶעשְׁלָאפְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ! אָבֶער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז אֵיין בַּעַל הַבַּיִת פוּן שְׁטָאט הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן ר' יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעטְרָאפְן חֵן אִין זַיינֶע אוֹיגְן הָאט עֶר אִים אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן אֵיין צִימֶער פוּן זַיין שְׁטוּב, הָאט ר' יִשְׂרָאֵל גֶעקֶענְט אַבִּיסְל בַּאקְוֶועם מַאכְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר דֶער בְּנֵי בַּיִת.

אִין יֶענֶע תְּקוּפָה הָאט גֶעבּוּדְשֶׁעוֶועט אַ שְׁטַארְקֶער הוּנְגֶער אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט וָואס צוּ זִיךְ הַאלְטְן בַּיים לֶעבְּן. דָארְט אִין טְבֶרְיָה אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ גֵר וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר' אַבְרָהָם דֶער גֵר. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ הוֹיכֶער אוּן בְּרַייטְבֵּיינֶערְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, נִישְׁט וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ.. זַיינֶע מָאלְצַייטְן וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן הָאט פַארְנוּמֶען אַזוֹי וִוי אַפָּאר מֶענְטְשְׁן!! חוּץ פוּן זַיינֶע דִיקֶע אוּן בְּרֵייטֶע קְלֵיידֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט שְׁוַוייס הָאט עֶר גָארְנִישְׁט פַארְמָאגְט, עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעהַאט אַבִּיסְל וַואסֶער זִיךְ אַרוּמְצוּוואַשְׁן.

דֶער גֵר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן וַוייל קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְנֶעמֶען וִויבַּאלְד עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הוּנְגֶער אוּן אֲפִילוּ וֶוער עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין יָא מְסַדֵּר גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט הָאט אָבֶער ר' אַבְרָהָם זִיךְ גֶעדַארְפְט שַׁאפְן פִיר אָדֶער פִינְף מָאל אַזוֹיפִיל עֶסְן, וַוייל לוֹיט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין גּוּף הָאט זִיךְ אִים מֶער פַארְלַאנְגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטִילְן זַיין הוּנְגֶער אַנְדֶערְשׁ. אוּן וִויבַּאלְד זַיינֶע בְּגָדִים זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁמוּצִיג אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוער צוּ שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים אֲפִילוּ אַ רֶגַע, וֶוער וֶועט נֶעמֶען אַזַא מְכוּבָּד'יגֶער גַאסְט, בִּפְרָט יֶעצְט אוֹיף פֶּסַח?

ר' יִשְׂרָאֵל טְרַאכְט נִישְׁט קַיין צְוֵויי, עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן מִיט וָואס עֶר קֶען נָאר, אִינְדֶערְצַייט וֶוען עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גַאסְט אִין שְׁטָאט אוּן הָאט קוֹים גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ לֵייגְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פֶּעקְלֶעךְ אוּן פַאר זִיךְ הָאט עֶר נִישְׁט אֲפִילוּ אֵיין פְּרוּטָה.

עֶר גֵייט אַרִיבֶּער צוּם גֵר אוּן לַאדְנְט אִים אַיין עֶר זָאל קוּמֶען צוּזַאמֶען מִיט אִים זִיךְ פְרֵייעֶן דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח. אָבֶער וואוּ שַׁאפְט מֶען בְּגָדִים פַאר דֶעם גֵר? גְלַייךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעבָארְגְט סְחוֹרָה וָואס עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן פַאר אַ שְׁנַיידֶער זָאל מַאכְן דֶערְפוּן שֵׁיינֶע בְּגָדִים פַארְ'ן גֵר.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פֶּסַח הָאט עֶר אָנְגֶעטוּן דֶעם גֵר מִיט דִי נַייעֶ בְּגָדִים אַזוֹי וִוי אַ חָתָן בְּיוֹם חֻפָּתוֹ, עֶר הָאט אִים אַוֶועקְגֶעזֶעצְט אוֹיבְן אָן פוּן טִישׁ, אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר וֶוען דֶער גֵר אִיז גֶעזֶעצְן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג וָואס דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט בַּאלַאנְגְט פַאר אִים. ר' יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן זַיין שִׂמְחָה פוּן דֶער גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשָׁאנְקְן אוּן דֶער גֵר אִיז גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זַיין בִּיטֶערְן מַצָּב! אַזוֹי זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע אַרוֹיס אִין אַ טַאנְץ פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען מְשֻׁנֶּה פְרֵיילֶעךְ. ר' אַבְרָהָם דֶער גֵר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיינְצוּקוּמֶען אוּן וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן אַזַא הֵיילִיגֶער פָאלְק וָואס זוּכְט נָאר צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם אוּן מְכוּבָּד'יג.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, אַז מִיר זֶענֶען אַ חֵלֶק פוּן אַזַא הֵיילִיגֶער פָאלְק!

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י'

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען דֶער 'בָּחוּר' (דְהַיְינוּ: דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן): "בִּיז וִוילַאנְג וֶועט מֶען עֶס אִים אַלְץ פַּארְשִׁיקְן וַוייטֶער"? – הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "עֶר אַלֵיין וֶועט זִיךְ לָאזְן אַהִין" (דְהַיְינוּ: צוּ דֶער 'בַּת־קֵיסָר') – טָאמֶער וֶועט עֶר פּוּעֶלְן"!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען – בִּיז עֶר אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען – אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "עֶר הָאט אַ זַאךְ, וָואס עֶר וֶועט בְּוַודַּאי פּוּעֶלְן"!

אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט זַיין 'שִׁיר' – אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט נָאכְמֶער 'סִימָנִים', זֵייעֶר־גוּטֶע 'סִימָנִים' – אוּן עֶר הָאט זִי דֶערְמַאנְט: "אַז עֶר הָאט מִיט אִיר אִין אֵיין 'חֵדֶר' גֶעלֶערְנְט" – אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע 'סִימָנִים' – אוּן עֶר הָאט אִיר אַלְץ אוֹיסְדֶערְצֵיילְט: "אַז 'עֶר' הָאט גֶעשִׁיקְט דִי 'מְלָכִים' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], אוּן אַז 'עֶר' הָאט בַּאהַאלְטְן דָאס 'כְּתַב' אִין אַ 'בּוֹים' – אוּן אַלְדִינְג [אַלֶעס] וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן]"!

אָבֶּער זִי הָאט דֶערוֹיף גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט (אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע 'דְרֵיי מְלָכִים', הָאבְּן בְּוַודַּאי אוֹיךְ גֶעמוּזְט זָאגְן עֶפֶּעס 'טַעֲמִים', פַּארְוָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דָאס 'כְּתַב')!

אוּן צוּ דֶערְקֶענֶען אִים – אִיז בְּוַודַּאי נִישְׁט מֶעגְלִיךְ – וָוארְן עֶס אִיז שׁוֹין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען] אַ לַאנְגֶע צַייט.

אוּן זִי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן, אוֹיף קַיין שׁוּם 'סִימָנִים' – בִּיז מְ'וֶועט אִיר בְּרֶענְגֶען דָאס 'כְּתַב' פוּן אִיר 'הַאנְט' אַלֵיין – וָוארְן אוֹיף דֶעם 'עֶרְשְׁטְן' [מֶלֶךְ], הָאט זִי זִיךְ [דָאךְ] אוֹיךְ גֶעמֵיינְט, אַז דָאס אִיז 'עֶר' בְּוַודַּאי – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] אוֹיף דֶעם 'אַנְדֶערְן' [מֶלֶךְ] וְכוּ' – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיב דֶעם] הָאט זִי שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט קַיין שׁוּם 'סִימָנִים' וְכוּ', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

אוּן דֶער 'בָּחוּר' (דְהַיְינוּ: דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן'), הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "עֶר קֶען דָא קַיין שְׁהִיּוֹת נִישְׁט מַאכְן (כְּלוֹמַר: עֶר קֶען דָא נִישְׁט זוּמֶען – וָוארְן טָאמֶער וֶוערְט מֶען גֶעוָואר אַז עֶר אִיז דָא, וֶועט אִים דֶער 'קֵיסָר' הַרְגֶ'עְנֶען, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])"!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "עֶר וֶועט זִיךְ ווִידֶער אוּמְקֶערְן צוּ זַיין 'אָרְט', אִין דֶער 'מִדְבָּר' אַרַיין, וָואס עֶר אִיז פְּרִיעֶר דָארְט גֶעוֶוען – אוּן דָארְט וֶועט עֶר אִיבֶּערְלֶעבְּן [אָפְּלֶעבְּן] זַיינֶע יָאהְרְן"!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען, כְּדֵי עֶר זָאל קוּמֶען צוּ דֶער 'מִדְבָּר' – אוּן עֶר אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען צוּ דֶער 'מִדְבָּר' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

דֶערְוַוייל [אִינְצְוִוישְׁן] וִוי דָאס הָאט זִיךְ אַלְץ גֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן] – דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען] זֵייעֶר אַסַאךְ יָאהְרְן – אוּן בַּיי דֶעם 'בָּחוּר' אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין דֶער דֵעָה [גֶעדַאנְק]: "אַז עֶר זָאל דָארְט אַוֶועקְזִיצְן [אָפְּזִיצְן] אִין דֶער 'מִדְבָּר', אוּן עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּערְלֶעבְּן [אָפְּלֶעבְּן] זַיינֶע יָאהְרְן"! – וֶועדְלִיג [לוֹיט] וִוי עֶר הָאט אָפְּגֶעשַׁאצְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן דֶעם מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז בַּיי אִים אָפְּגֶעקְלֶערְט [אוֹיסְגֶעפָּארְשְׁט] גֶעוָוארְן אִין זַיין דֵעָה [גֶעדַאנְק]: "אַז סְ'אִיז גוּט דָא אִין דֶער 'מִדְבָּר', אִיבֶּערְצוּלֶעבְּן [אָפְּצוּלֶעבְּן] זַיינֶע יָאהְרְן"!

אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן – אוּן הָאט גֶעגֶעסְן פוּן דִי 'פֵּירוֹת' וְכוּ', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן אוֹיף דֶעם 'יַם', אִיז גֶעוֶוען אַ 'רוֹצֵחַ' – אוּן דֶער 'רוֹצֵחַ' הָאט גֶעהֶערְט: "אַז סְ'גֶעפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ [אַזָא] 'יְפַת־תּוֹאַר' אוֹיף דֶער וֶועלְט – הָאט עֶר גֶעוָואלְט זִי אוֹיפְכַאפְּן [כַאפְּן] – כָאטְשֶׁע עֶר הָאט זִי נִישְׁט גֶעדַארְפְט, וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'סָרִיס' – נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט זִי כַאפְּן, כְּדֵי עֶר זָאל זִי פַארְקוֹיפְן צוּ אַ 'מֶלֶךְ' – וֶועט עֶר פַאר אִיר נֶעמֶען, זֵייעֶר אַסַאךְ 'גֶעלְט'".

אוּן דֶער 'רוֹצֵחַ' הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ פָּארֶען אִין דֶער זַאךְ (דְהַיְינוּ: עֶר זָאל זִי קֶענֶען אוֹיפְכַאפְּן) – אוּן אַ 'רוֹצֵחַ' אִיז זִיךְ 'מוּפְקָר' – הָאט עֶר זִיךְ מַפְקִיר גֶעוֶוען, [אִיז אוֹיב] וֶועט עֶר פּוּעֶלְן, [וֶועט עֶר] פּוּעֶלְן – אוּן [אַז] נִישְׁט, וָואס וֶועט עֶר דָא אַיינְשְׁטֶעלְן, וָוארְן עֶר זִיךְ אַ 'מוּפְקָר', אַזוֹי־וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן אַ 'רוֹצֵחַ'.

אוּן דֶער 'רוֹצֵחַ' אִיז גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט אָנְגֶעקוֹיפְט זֵייעֶר אַסַאךְ 'סְחוֹרוֹת', מְשׁוּנֶה פִיל – אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט



# דער בערגער און דער אָרימאַן 7

'גִילְדֶענֶע פֵייגְלֶעךְ' – און זֵיי זֶענֶען גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן מִיט [פַּאכְמַאנִישֶׁע] 'מְלָאכוֹת', אַז מְ'הָאט גֶעמֵיינְט [אַז] זֵיי לֶעבְּן – זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען נַאטִירְלֶעךְ, פּוּנְקְט אַזוֹי־וִוי 'לֶעבֶּעדִיגֶע פֵייגְלֶעךְ'.

וִוידֶער הָאט עֶר גֶעמַאכְט 'גִילְדֶענֶע זַאנְגֶען' – און דִי 'פֵייגְל' זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי 'זַאנְגֶען' – און דָאס אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען אַ 'חִידוּשׁ', וָואס דִי 'פֵייגְל' שְׁטֵייעֶן אוֹיף דִי 'זַאנְגֶען', און דִי 'זַאנְגֶען' וֶוערְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן – וָוארְן סְ'גֶעוֶוען 'גְרוֹיסֶע פֵייגְל'.

און עֶר הָאט וִוידֶער גֶעמַאכְט [פַּאכְמַאנִישֶׁע] 'מְלָאכוֹת' – אַז סְ'הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט, אַז דִי 'פֵייגְל' שְׁפִּילְן – און 'אֵיינֶע' הָאט גֶעקְנַאקְט [מִיטְן צִינְג] – און 'אֵיינֶע' הָאט גֶעשְׁוִוישְׁטְשֶׁעט – און 'אֵיינֶע' הָאט גֶעזִינְגֶען.

און דָאס אִיז אַלְץ גֶעוֶוען מִיט 'תַּחְבּוּלוֹת' [מִיטְלְן] – וָוארְן 'מֶענְטְשְׁן' זֶענֶען דָארְטְן גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ 'חֶדֶר' [צִימֶער] וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶער 'שִׁיף' – און דִי 'מֶענְטְשְׁן' זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי 'פֵייגְל' – און דִי 'מֶענְטְשְׁן' הָאבְּן דָאס אַלְץ גֶעטָאן – און סְ'הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט, אַז דִי 'פֵייגְל' אַלֵיין שְׁפִּילְן – וָוארְן זֵיי זֶענֶען גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן מִיט 'דְרָאטְן', מִיט [פַּאכְמַאנִישֶׁע] 'מְלָאכוֹת' – הָאט זִיךְ [דֶערִיבֶּער] גֶעדַאכְט, אַז דִי 'פֵייגְל' אַלֵיין טוּעֶן דָאס אַלְץ.

און דֶער 'רוֹצֵחַ' אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם אַלֶעמֶען – צוּ דֶער 'מְדִינָה' וָואס דִי 'בַּת־קֵיסָר' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] אִיז דָארְט גֶעוֶוען – און עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ צוּ דֶער 'שְׁטָאט' וָואס זִי אִיז דָארְט גֶעוֶוען – און עֶר הָאט זִיךְ אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט זַיין 'שִׁיף' אִין 'יַם' – און הָאט דִי 'שִׁיף' גֶעאַנְקֶערְט [אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פְּלַאץ].

און עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסְן 'סוֹחֵר' – פְלֶעגְט מֶען אַרַיינְגֵיין צוּ אִים, מְ'זָאל בַּיי אִים קוֹיפְן 'סְחוֹרוֹת טֵייעֶרֶע' – און עֶר אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַ [שְׁטִיק] צַייט, אַ פֶּערְטְל יָאהְר און וַוייטֶער [מֶער].

און מְ'הָאט אַלְץ גֶעטְרָאגְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע 'סְחוֹרוֹת', וָואס מְ'הָאט בַּיי אִים גֶעקוֹיפְט.

הָאט דִי 'בַּת־קֵיסָר' אוֹיךְ חֵשֶׁק גֶעהַאט, בַּיי אִים צוּ קוֹיפְן 'סְחוֹרָה' – הָאט זִי צוּ אִים גֶעשִׁיקְט [גֶעבֶּעטְן]: "אַז עֶר זָאל צוּ אִיר טְרָאגְן 'סְחוֹרָה'"!

הָאט עֶר צוּ אִיר אָפְּגֶעשִׁיקְט [מוֹדִיעַ גֶעוֶוען]: "[אַז] עֶר בַּאדַארְף דָאס נִישְׁט, אַז עֶר זָאל טְרָאגְן 'סְחוֹרָה' צוּם 'קוֹנֶה' אִין 'שְׁטוּבּ' אַרַיין – כָאטְשֶׁע זִי אִיז אַ 'קֵיסָר'ס טָאכְטֶער' – [און] וֶוער סְ'בַּאדַארְף 'סְחוֹרָה', זָאל צוּ אִים קוּמֶען"! – און אַ 'סוֹחֵר' קֶען [דָאךְ] קֵיינֶער נִישְׁט נֵייטְן [צְווִינְגֶען] דֶערוֹיף.

הָאט זִיךְ דִי 'בַּת־קֵיסָר' מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "[אַז] זִי וֶועט צוּ אִים גֵיין"!

און אִיר סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען: וֶוען זִי פְלֶעגְט גֵיין אִין 'מַארְק' – פְלֶעגְט זִי זִיךְ פַארְהֶענְגֶען דָאס 'פָּנִים' – כְּדֵי מְ'זָאל אוֹיף אִיר נִישְׁט קוּקְן – וָוארְן 'מֶענְטְשְׁן' וֶועלְן קֶענֶען אַנִידֶערְפַאלְן, און 'חֲלָשׁוּת' בְּלַייבְּן וְכוּ', מַחֲמַת [צוּלִיבּ] אִיר שֵׁיינְקֵייט, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

אִיז דִי 'בַּת־קֵיסָר' גֶעגַאנְגֶען – און הָאט זִיךְ דָאס 'פָּנִים' פַארְהָאנְגֶען – און זִי הָאט מִיט זִיךְ גֶענוּמֶען, אִירֶע 'פַּאנֶעס'.

און אַ 'וַואךְ' [זֶעלְנֶער צוּ הִיטְן], אִיז אִיר נָאכְגֶעגַאנְגֶען.

און זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'סוֹחֵר' (דְהַיְינוּ: צוּ דֶעם 'רוֹצֵחַ' וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ 'סוֹחֵר') – און זִי הָאט בַּיי אִים גֶעקוֹיפְט 'סְחוֹרוֹת' – און זִי אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'רוֹצֵחַ' דֶער 'סוֹחֵר'): "אַז דוּ וֶועסְט נָאכְאַמָאל קוּמֶען, וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן נָאךְ שֶׁענֶערֶע זַאכְן דֶערְפוּן, זֵייעֶר ווּאוֹילֶע [וווּנְדֶערְלִיכֶע] זַאכְן"!

און זִי הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים!

דֶערְנָאךְ אִיז זִי וִוידֶער אַמָאל גֶעקוּמֶען – און הָאט גֶעקוֹיפְט בַּיי אִים 'סְחוֹרָה' – און אִיז וִוידֶער אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען!

און דֶער 'רוֹצֵחַ' אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַ [שְׁטִיק] צַייט.

דֶערְוַוייל אִיז דִי 'בַּת־קֵיסָר' שׁוֹין גֶעוואוֹינְט [צוּגֶעוואוֹינְט] גֶעוָוארְן בַּיי אִים צוּ זַיין – זִי פְלֶעגְט אָפְט, צוּ אִים אַרַיינְצוּגֵיין.

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן אריםאן (7)

**א. ווען דער זון פון בערגיר איז געקומען וואס האט אים די טאכטער פון קיסר געענטפערט?**
- ❑ אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ❑ זי האט נישט געוואלט קוקן אויף קיין סימנים ביז מ'וועט איר ברענגען די כתב פון איר האנט אליין
- ❑ זי האט אים געפרעגט פון וואו האבן די ערשטע דריי קעניגין געוואסט

**ב. וואו אהין איז דער זון פון בערגיר נאכדעם געגאנגען?**
- ❑ צו מדבריות
- ❑ צו די מדבר וואס ער איז פריער דארט געווען
- ❑ ער איז געבליבן אויף זיין פלאץ

**ג. פארוואס האט דער רוצח געוואלט כאפן די בת קיסר?**
- ❑ כדי איר צו פארקויפן און נעמען פאר זיך די געלט
- ❑ כדי זיך מיט איר משדך זיין
- ❑ כדי איר צו הרג'ענען

**ד. וועלכע מין סארט פייגאלאך האט דער רוצח געמאכט?**
- ❑ פון גאלד
- ❑ פון קופער
- ❑ פון זילבער

**ה. וואס האט געמאכט די פייגאלאך זינגען?**
- ❑ מ'האט זיי אויס געלערנט צו זינגען
- ❑ עס זענען געווען מענטשן פארשטעלט אזוי ווי פייגעלעך
- ❑ מענטשן וואס זענען געשטאנען אין א צימער אונטער דעם, האבן עס געמאכט מיט דראטן

**ו. וואו האט זיך דער רוצח געשטעלט מיט זיין שיף?**
- ❑ אין טייך
- ❑ אין גרעניץ
- ❑ אין ים

**ז. האט דער רוצח מסכים געווען צו קומען פארקויפן זיין סחורה צו די בת קיסר?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ נאר די ערשטע מאל

**ח. וואס האט דער סוחר געזאגט פאר די טאכטער פון קיסר ווען זי איז געקומען קויפן סחורה?**
- ❑ אז ביים קומעדייגע מאל וועל איך יא קומען צו דיר פארקויפן די סחורה
- ❑ אז דו וועסט נאכאמאל קומען וועל איך דיר ווייזן נאך שענערע זאכן
- ❑ אז דו וועסט נאכאמאל קומען וועל איך דיר פארקויפן פאר ביליגער

**ט. וויפיל מאל איז די בת קיסר אריין אין שיף פונעם רוצח?**
- ❑ צוויי מאל
- ❑ צוואנציג מאל
- ❑ זי פלעגט אפט אריין גיין

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

### טיפער אריין

**איוף וועמען נאך ווערט דערמאנט אין דער מעשה אז ער איז א "רוצח"?**

**וועלכע מעשה נאך ווערט דערמאנט דאס ווארט "רוצח"?**



**תשובות פון פאריגע וואך:**

**איוף וועמען דערציילט דער רבי אין דער מעשה אז ער האט געזאגט א ליגנט?**

דער צווייטער מלך "זָאל עֶר זָאגִין דֶעם אֶמֶת אִיז זִיךְ פַאר אִים נִיט גוּט... הָאט עֶר אִיר גִיעֶנְפֶערְט. עֶר וֵויסְט נִיט"

די גורלות וועט פארקומען קומענדיגע וואך בעז"ה

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# משפחה ליכט

א נייער ליכט, א דערהויבענער שטראל
אנגעשעפּט פון רבינ'ס הייליגן קוואל
אריינשיינען אין שטוב דעם אור
ברענגען דעם רבינ'ס דרך קלאר
אונז לערנען יראת שמים און גוטע מידות
אייערע ווייבער זאלט איר מאכן חסידות

הלילה הזה כולנו מסובין
די נאכט לאנען מיר זיך אן
מיר האבן אויף וועמען דאס צו טוהן
סמכו על כוחי הגדול
דער רבי זאגט: "מיין כח איז גרויס"
איך גיי פאר אייך פאר־אויס

כמה מעלות טובות למקום עלינו
אז מיר רופן זיך על שם רבינו
וואס האט רחמנות געהאט עלינו ועל בנינו
אשרינו מה טוב חלקינו
ומה נעים גורלינו
נאר אויף דעם אליין - דיינו....

# איך מוז אן אייז-קאווע



פסח. די סימבאל פון מלכות. דער סדר נאכט, א סעודה פון מלכות. וואס טוט אבער די מצה אויפן טיש, ארימע ברויט? פארוועם? פאר די בני מלכים?

דער מהר"ל ברענגט אז דווקא די ארימע ברויט צייגט אויף די גרעסטע חירות וואס עס איז פארהאן. ווען א מאכל איז צאמגעשטעלט פון אסאך באשטאנדטיילן ווייזט עס אויף עבדות – עס מוז האבן די צען זאכן אז ס'זאל ווערן די מאכל. אבער אז עס מוז גארנישט האבן נאר מעל און וואסער און עס ווערט א מאכל איז דאס די גרעסטע חירות. ווי מער מ'מוז און מ'מוז האבן, אלס מער איז מען משועבד. ווי ווייניגער "מ'מוז" גיבט עס מער חירות. אז די מצה מוז האבן נאר צוויי זאכן: מעל און וואסער, איז עס די גרעסטע מאכל פון חירות.

יונתן הייבט אן זיין טאג מיט אן אייז-קאווע. זאל דינערן און בליצן, קאלט און רעגן, יונתן מוז האבן זיין אייז-קאווע. אברהם, זיין קאלעגער קוקט מיט זייטיגע קנאה'דיגע בליקן ווי יונתן זיפט זיך געשמאק פון זיין שטרוי פון וואו עס רינט ארויס דער זיסער, אייזיגער געטראנק. ווי אזוי פארגינט זיך יונתן דאס וואס ער פארגינט זיך קוים איינמאל אין א יובל ווען ער האט די איבעריגע פאר שקלים אין טאש?

ויהי היום, יונתן און אברהם מאכן צוזאמען א נסיעה קיין אומאן. ביים נץ, אברהם שטייט אויף גאנץ פרי, לייגט אראפ א דאווענען ווי עס דארף צו זיין, טרינקט זיך זיין קאווע, עסט זיך אפ א פרישטאג און גייט ווייטער אן מיט זיין סדר היום פון התבודדות און לימוד התורה.

עס איז שוין געווען טיף אריין אין דער טאג ווען אברהם קערט זיך צוריק צו זיין אכסניה צו כאפן א דרימל און ווען טרעפט ער אין גאס דארט?

"ווייסטו אפשר וואו מ'קען באקומען אן אייז-קאווע דא אויף פושקענע גאס אדער אין די געגנט (פארשטייט זיך מיט א גוטן הכשר...)?" פרעגט יונתן פון אברהם מיט אזעלכע בעטענדע אויגן ווי איינער וואסט זוכט א רפואה פאר א קראנקן. "שוין עטליכע שעה וואס איך דריי ארום דא צו זען וואו מ'קען באקומען אן אייז-קאווע, און איך טרעף נישטו!"

"נא? און אז דו וועסט נישט טרעפן?" האט זיך אברהם דערוואגט צו פרעגן.

"קען איך נישט אנהייבן מיין טאג!"

ס'שוין 2:00 נאכמיטאג און ער דרייט זיך נאך ארום ווי א שיכור. ער איז געוואוינט פון אינדערהיים אז יעדן פרי-מארגן איידער ער הייבט אן זיין סדר היום, נאגט אים זיך אויפצופרישן מיט אן אייז-קאווע און דעם איז ער אויס מענטש, ער מוז!

(מעשה שהיה)

ס'נישט קיין עבירה צו טרינקען אן אייז-קאווע צופרי, אבער דאס אז ער מוז עס האבן, דערמיט קויפט ער זיך מיט די אייגענע האנט א קנעכטשאפט. ער וועט נישט קענען האבן א געשמאקערע לעבן, נאר א מער איינגעצוימטע לעבן. זיין אייז-קאווע איז א סימן צו שיעבוד נישט חירות.

וואס איז שלעכט מיט אן עבד-עברי וואס וויל ווייטער זיין א קנעכט? ער טוט עפעס אן עבירה? ער וויל זיין באקוועם, אן קיין דאגות פון פרנסה. ס'איז אים געשמאק אזוי, פארוואס נישט?

ווייל כדי צו זיין א איד, דארף מען זיין פריי. מ'קען הנאה האבן פון א געשמאקע אייז-קאווע. מען מעג אנטון אלע קינדער פון גרויס ביז קליין מיט די זעלבע מלבושים. מען מעג האבן א שיינע דירה, אבער דאס אלעס טאר נישט שטערן פון אנגיין מיט סדר-היום אפילו אויב דער אויבערשטער וויל אז מען זאל דאס נישט האבן. אויב ס'מוז, איך מוז, אויב ס'ווערט א "תנאי" אין לעבן, איז עס שוין א קנעכטשאפט.

איינער פון די גדולים פון לעצטן דור פלעגט נישט צולייגן קיין צוקער צו זיין טיי. פארוואס נישט? ווייל ער האט ליב געהאט צו טרינקען טיי און ער האט נישט געוואלט זיין משועבד דערצו אז אויב איינמאל וועט ער פונקט נישט האבן קיין צוקער וועט עס אים פארפאטשקען דעם טאג... מ'מעג לייגן צוקער אין טיי, אבער פארשטיין די געדאנק.

ר' אברהם בן ר' נחמן פלעגט זאגן: "די וועלט איז ווי א גאַל (אן אבר אין קערפער וואס איז שרעקליך ביטער), ארומגענומען מיט צוקער. אז מען לעקט אפ פון ארום און ארום שפירט מען דעם זיסן טעם פון די צוקער, אבער אז מען בייסט אריין מיטן פולן מויל שפירט מען דעם ביטערן

טעם פון גאַל.״

ווען מען נעמט זיך הנאה דא און דארט איז דאס לעבן נאך זיס, אבער אז מען בייסט אריין אין עולם הזה; ״איך גיי הנאה האבן פון מיין לעבן...״, ״איך מוז האבן א געשמאקע, באקוועמע טאג דא...״ ווערט דאס לעבן ביטער ווי גאַל, ווי עס שפיגלט זיך אפ ביים חכם און תם. דער תם האט באשטעלט פון זיין פרוי וויין און פלייש און אז זי האט אים געברענגט ברויט איז עס אים גוט געווען. זיין פשוט׳ן פעלץ איז אים באקוועם געווען, אבער דער חכם האט נישט געקענט גיין מיט א קלייד נאר וואס מען וועט אים אין שפאניע נישט אויסלאכן דערמיט...

מען מעג האבן א געשמאקע באקוועמע שטוב, שיינע קליידער און גוטע עסן ווילאנג ס׳נישט א תנאי אינעם לעבן.



דער תם אליין האט שפעטער - ווען ער איז געווארן מיניסטער, געוואוינט אין א הערליכע פאלאץ, ווי דער רבי זאגט: ״מען האט אים אויסגעמויערט זייער וואוילע מויערן שיינע...״ אבער אלעס ווען ׳יא און נישט׳ זענען פונקט אזוי אייניג.

אבער למעשה, וואס זאל איך טון אז איך קען נישט אנהייבן מיין טאג אויב כ׳האב נישט יענע סארט עסן. איך האב נישט וואס אנצוטון פאר מיינע קינדער ווייל די נייע מלבושים וואס מען האט איינגעהאנדלט מיט גרויס מי און פלאג איז פונקט יעצט שמוציג און די אלטע איז ממש נישט צום אנטון ווייל ס׳איז נישט אייניג פאר אלע קינדער און איך קען נישט האבן אין קינד אנדערש פון צווייטע. כ׳מוז אלע זאלן האבן די זעלבע. איך קען נישט קוקן אויף זיי ווען זיי גייען נישט אלע די זעלבע. ס׳מאכט מיך נערוועז, וואס זאל איך טון, כ׳קען נישט אנדערש, כ׳מוז!

(עס דערמאנט פון דער חכם וואס האט נישט געקענט שלאפן אין זיין האטעל.)

(מעשה שהיה)

*

משפחת זעגלבוים פון אויסלאנד האט געזוכט א דירה אין ירושלים צו איינשטיין איבער פסח. פון כסלו צייט איז די גאנצע משפחה, אלע מומעס פעטערס, שוועגערינס און גוטע פריינד פון ארץ ישראל געווארן איינגעשפאנט זיי צו העלפן זוכן. מען האט שוין געמאכט שטרענגע באזוכן אין איבער צוואנציג דירות, געשיקט בילדער, געמאסטן די בעטן, די ריינקייט, די קאך. זיי האבן זיך שוין איינמאל אפגעברייט ווען זיי זענען אריינגעפאלן אין א שרעקליכע דירה מיט ״לאגער בעטן״, אויסגעריבענע מאטראצן און נאך גרויסע צרות, מער ווילן זיי זיך נישט לאזן פייניגן...

ס׳איז שוין ערב פסח און זיי זענען נאכאלץ אין אויסלאנד. פארוואס זענען זיי נישט געקומען פראווען א הערליכער יום טוב אין ארץ ישראל?

״כ׳קען נישט לעבן אין אזא גיהנם א גאנץ פסח. מען מוז זיין געהעריג באקוועם, ריין און לופטיג. דארפסט פארשטיין, כ׳קען נישט שלאפן סיי וואו, ס׳מוז זיין נארמאל צוגעשטעלט און איך האב נישט געטראפן עפעס וואס זאל מיר צופרידן שטעלן האב איך געמוזט בלייבן אינדערהיים.״

אין די צייטן פון קנעכט האנדלעריי פלעגט זיך מאכן א געהעריגע ערשיינונג אז מען פלעגט ארויסגיין אין מארק צו קויפן אייער און קארטאפל און דורכגיין א טישל וואו מען עס שטייען גרייט... מענטשן, צו ווערן פארקויפט!

ווי אזוי האט מען זיי געהאלטן אז זיי זאלן נישט אנטלויפן, אבער דאך זיי נישט איינשפארן כדי די קונים זאלן זיי קענען געהעריג באטאפן און באטראכטן?

מען פלעגט זיי אויסשטעלן אין מארק נעבן א גרויסע שטיק האלץ וואס האט געהאט צוויי לעכער פאר די הענט – פון די צווייטע זייט האט מען צוגעבינדן די הענט מיט קייטן און אזוי איז דער קנעכט געווען געצווינגען צו שטיין גלייך און נישט אנטלויפן.

איינער אזא קנעכט איז געשטאנען אין מארק ווען זודיגע טרערן רינען פון זיינע אויגן, איינגעבויגן אין צווי, עס האט אויסגעזען ווי ער גייט יעדע רגע צוזאמפאלן פון שוואכקייט. זיכער שטייט ער שוין אזוי עטליכע טעג, אן מינימאלע עסן און טרינקען. אלע דורכגייער זענען אויסגעגאנגען פון צער אויף זיין ביטערן שיקזאל.

# איך מוז אן אייז-קאווע



איין קלוגער מאן האט אים באטראכט א מינוט און אים אנגעשריגן, "דו שוטה וואס דו ביסט! דו מיינסט אז דו ביסט צוגעבינדן מיט קייטן? נישט מער און נישט וויניגער דו האלסט א בעזעם שטעקן. לאז אפ דאס וואס דו האלסט אזוי פעסט צו און דו ביסט באפרייט! דו קענסט אהיימצוגיין לעבן א געשמאקע פרייע לעבן!"



דער רבי קומט אונז זאגן, "מיינע טייערע קינדער, לאזט אפ אייערע בעזעם שטעקנעס וואס איר האלט זיך אזוי שטארק צו און זעט איין אז די גאנצע ביטערע לעבן וואס אייער קנעכטשאפט ברענגט אייך אן איז נאר אן אחיזת-עיניים – א פשוט'ע אויג פארבלענדעניש. איר קענט

יא! אבער מיר ווייסן אז נישט מיט כח גייען מיר אפלאזן דעם בעזים שטעקן נאר מיט תפילה, אז מיר ווייסן אז בידיים פארשקלאפן מיר זיך אבער דער רבי האט אונז אויך אויסגעלערנט אז נאר השי"ת קען ארויסשלעפן די "ליבע" בעזים שטעקענעס וואס מיר האלטן זיך דערמיט אן מיט אלע כוחות.

אזוי ווי יעצט איז דער זמן המסוגל אויף חירות, איז צייט צו בעטן פון באשעפער אז ער זאל אונז אויפלייכטן אונזערע אויגן צו זען וועלכע פון אונזערע פירונגען זענען מיר "עבדי פרעה"? וועלכע פון די אלע "מוזן" וואס מיר האבן אין אונזער לעבן זענען פשוט'ע בעזים שטעקנעס, בכלל נישט קיין אייזערנע קייטן.

מיר קענען אויסניצן דעם שעת-הכושר – זמן חירותינו צו מתפלל זיין דערויף, צו קענען ארויס גיין לחירות אראפצוואארפן פון זיך די אלע פארשקלאפקייטן און צוקומען צו א חיים-טובים ווי דער תם הקדוש וואס אין זיין פשוט'ע ברויט און וואסער האט ער געשפירט אלע טעמים.

לאמיר מתפלל זיין בשעת'ן עסן די מצה, אויף א לעבן פון פשטות און חירות און באמת וויסן טיף אין הארץ אז חירות איז ווען "מ'מוז נישט", און נישט נאר ווען מ'האט אלע גשמיות און מען קען נישט אן דעם.

## א גראם - מיט א ברסלב'ע טעם

שאו שערים עפנט די טויערן
צום רבי'נס רייד אנשפיצן די אויערן
אין רבי'נס פאלאצן שפאצירן
מיט זיינע עצות שטאלצירן

דער ריינער קוואל אזוי טייער
די משלים פאסיג זייער
מיין מעשה'לע פון די קינדער
און די סיפורי מעשיות באזונדער

ה' זאל די עוסקי בקודש באצאלן
מיט געזונטע לאנגע יארן
אסאך ברכות מיר טוען נישט שפארן

אויף די מי און פלאג
וואס מען לייגט אריין יעדן טאג

דעם רבי'נס ליכט
מאכט אויף אונז די ברסלב'ע געדיכט
יעדער איינער פון דעם קווועלט
מען געפינט זיך ממש אין אן אנדערע וועלט

עס האט אזא ברסלב'ע טעם
מען פילט באמת ברידער'ס צוזאם
דעם רבי'נס אור זאל די וועלט באלייכטן
און די הייליגע עצות זאל זיך פארשפרייטן

מיר זאלן שווין איינגיכן אויסגעלייזט ווערן
און צום באשעפער צום אויפקערן

מ. ברוין

# "ווי נעמט מען דעם פסח אליין?"



בילד: יריד אין שטאט ברסלב קרעדיט ברסלב גלאבאל

עס איז באוואוסט דער מנהג צו דערציילן דריי מעשיות פאר פסח, ווען די קאסטן פאר הוצאות יום טוב איז אומגעהויער גרויס, און מיר דערמאנען זיך אז דער באשעפער איז אונזער שפייזער און וועט זיכער אונז צושטעלן פון אלעם גוטן ווי דער צוזאג פון ר' נתן איז: "אויף פסח וועט זיין!".

טראץ וואס די סגולה איז צו דערציילן אט די באקאנטע מעשיות, וועלכע פארמאגן די די כוחות פון די צדיקים רבי פנחס קאריצער און רבי ר' אלימלך זצ"ל, מיט דעם אלעם איז זיכער אז יעדע סיפור ווי מען דערציילט אז דער אויבערשטער איז דער זן ומפרנס איז דאס אויך מסוגל פאר שפע און ברכות.

אין ספר צאינה וראינה אויף די וואך שרייבט ער אז ווען עס פאלט אויס פרשת מצורע אום שבת הגדול זאל מען ליינען די הפטורה פון מצורע (מיר פירן זיך נישט אזוי) ווייל עס ווערט דארט דערציילט, אז עס איז געווען א הונגער אין די טעג פון אלישע און דער נביא האט געזאגט, "עס וועט זיין צו באקומען א סאה ווייץ פאר א שקל און צוויי סאה גערשטן פאר א שקל", און אזוי איז טאקע געווען. דעריבער איז דער מנהג געווען עס צו ליינען די וואך פון שבת הגדול, ווייל די פאסירונג איז געשען פאר פסח, און פונקט ווי דאן האט דער באשעפער געשיקט אזא שפע אז מען זאל זיך קענען גרייטן צום יום טוב מיט הרחבה, אזוי וועט אויך פאר אונז קומען שפע און ברייטקייט צו קענען צוגיין צום יום טוב מיט א חירות, פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל.

וועלן מיר דערציילן צוויי עפיזאדן וואס האט פאסירט מיטן רבי'ן און זיין תלמיד ר' נתן ווי דער באשעפער האט זיי געשיקט זייער שפייז און די ריכטיגע צייט אין די טעג פון פסח.

מיר ברענגען די מעשה זייער בקיצור. דער הייליגער רבי האט וועג אהיים פון ארץ ישראל איז ארויף בטעות אויף א קריגס שיף, דער גרויסער שיף איז געווען ארומגענומען מיט הארמאטעס (דאס איז אזעלכע ביקסן וואס האבן זיך ארויסגעשטעקט פון שיף גרייט צו שיסן.) דער רבי מיט זיין באגלייטער האבן זיך געוואונדערט פארוואס איז דא ביקסן אויפן שיף, אבער זיי האבן געטראכט אפשר ווייל דאס איז א צייט פון א מלחמה דעריבער פארן אלע שיפן מיט ביקסן פאר זיכערהייט.

זיי האבן נישט געהאט קיין שום עסן און טרינקען. הונגעריג און דארשטיג האבן זיי זיך געלייגט שלאפן. אזוי זענען זיי געלעגן אפאר שעה ביי זיי אין צימער אן צו וויסן בכלל אז דאס איז א קריג'ס שיף מיט סאלדאטן און געווער, זיי האבן זיך געטראפן אליין צווישן ווילדע ישמאלים וואס מען קען נישט רעדן זייער שפראך. עס איז געפאלן אויף זיי א ציטער און שרעק. זיי האבן נישט געקענט איינשלאפן, זייער גאנצער קערפער האט געטרייסלט. זיי האבן זיך געכאפט אז זיי געפינען זיך אין א קריג שיף, די סכנה איז גרויס, און זיי ווייסן נאך נישט ווער איז דער מענטש וואס האט זיי דאס געזאגט.

אינדערפרי האט דער רבי מיט זיין באגלייטער געוואלט פאלן פאר די פיס פון דעם קאפיטאן אז ער זאל זיי לאזן אראפגיין פון שיף. ביז זיי האבן נאך געטראכט וואס צו טוהן האט מען ארויסגעשטעלט די אנקערס פון שיף, און זי איז ארויסגעשווימען צום גרויסן ים.

די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען. די קולות און באמבעס האבן זיך געהערט ביז ווייט אוועק, אויך פון די שיף אליין האבן זיי געהערט שרעקליכע קולות פון צופלאצטע באמבעס און פליענדיגע קוילן. די גרויסע שרעק און ציטער וואס האט זיי אנגעכאפט איבער דעם גרויסן געפאר אין וואס זיי געפינען זיך קען מען זיך גארנישט

פארשטעלן, זיי זענען ביידע אנידערגעפאלן קראנק אויפן בעט, און האבן אפילו קיין ביסל וואסער נישט געהאט צו טרינקען. אבער דער הייליגער באשעפער האט זיי נישט פארלאזט און רחמנות געהאט אויף זיי. דער רבי האט געפינען חן אין די אויגן פונעם קעכער און ער האט זיי געברענגט באהאלטענערהייט א שאל שווארצע קאווע פאר יעדעם פון זיי, אינדערפרי און ביינאכט, וואס מיט דעם האבן זיי זיך געהאלטןביים לעבן.

אינמיטן וועג האט פאסירט א שרעקליכע זאך אז דער שיף האט אנגעהויבן זינקען, ביז דער איבערשטער האט געהאלפן אז מען האט געטראפן דעם לאך און פארשטאפט מיט הויט פון א צוג.



אבער וואס וועט זיין מיט עסן? האט זיי דער איבערשטער געהאלפן אז דער קעכער האט זיי געגעבן מיט גרויס רחמנות, הארטע סהארקעס וואס ווערים זענען געקראכן איבער דעם. יעדן טאג האבן זיי געדארפט קומען אויסשטרעקן זייער האנט און זיך בעטן אויף די הארטע ברויט, וואס זיי האבן נאכדעם געדארפט איבערקלויבן צו קענען עסן...

אזוי זענען די טעג געלאפן ווען דער הייליגער יו"ט פסח קומט וואס א טאג נענטער. עס האט זיי געביסן אין הארצן די זארג, וואס וועלן זיי טוהן יו"ט פסח? זיי וועלן נישט קענען עסן די הארטע ברויט וואס איז חמץ. וועלן זיי דארפן פאסטן א גאנצן יו"ט?!

עס גייט נישט אריבער מער פון צוויי שעה פון ווען זיי האבן געקלערט וועגן פסח און די שיף האט זיך אפגעשטעלט נעבן אן אינזל. די אראבער זענען אראפ פון שיף און זיך איינגעקויפט פירות און שפייז פאר'ן וועג. ווען זיי זענען צוריקגעקומען מיט די פולע זעק מיט פירות, האט דער רבי מיט זיין באגלייטער געקויפט פון זיי א גרויסע זאק פון באקסעה, פאר איין טאלער (א טערקישע מטבע).

"דערווייל איז דאס אויך זייער גוט", האט דער רבי זיך אויסגעדריקט, "מען קען לעבן מיט די באקסער די אכט טעג פון פסח, אבער הלוואי זאלן מיר האבן די זכי' צו קענען מקיים זיין די מצוה פון מצה און די פיר כוסות."

דאן האבן זיי נאך געדארפט א גרויסע ישועה צו ווערן אויסגעלייזט פון דעם קריגס שיף וואו דער קאפיטאן און סאלדאטן האבן געקענט טון מיט זיי וואס זיי ווילן. זיי האבן געוואוסט אז דער שטייגער פון די אנשי חיל אז זיי פארקויפן מענטשן פאר קנעכט, און דער רבי האט מורא געהאט ווי אזוי ער וועט קענען דינען דעם באשעפער און מקיים זיין די מצוות, אויב וועט ער ווערן פאקויפט פאר א קנעכט אין דער פרעמד!

(מיר ברענגען דא ממש בקיצור ווי אזוי דער רבי האט געפראוועט די סדרים פון פסח.)

ערב פסח האט די שיף ענדליך געאנקערט אין דער שטאט ראדיש (א שטאט אין איטאליע). דער רבינ'ס באגלייטער האט מרמז געווען פאר דעם קאפיטאן מיט הענט און פיס אז ער וויל אראפגיין פון שיף צו קויפן עפעס שפייז. דא איז געשען א נס חוץ לדרך הטבע אז דער קאפיטאן האט מסכים געווען, א זאך וואס איז קעגן זיין רשעות'דיגער נאטור. ער האט צוגעשטעלט א שומר וואס האט ארויסגעפירט דעם באגלייטער אין שטאט אריין.

מיר ענדיגן נאר צו אז דער באגלייטער פונעם רבי איז געגאנגען אנגעלאדנט מיט אלעם גוטן צום שיף.

ווען דער רבי האט באמערקט דעם באגלייטער מיט די פולע זעק צרכי החג איז ער געווארן גאר פריידיק. ליל פסח האט זיך דער רבי געזעצט צום סדר מיט מוחין דגדלות. זיי האבן געדאנקט דעם באשעפער פאר זייער יציאת מצרים. אויך דער צווייטער סדר האט דער רבי געפראוועט אויפ'ן שיף אין א געהויבענע שטימונג.

◆ ◆ ◆

# דעם פסח אליין

די קאכעדיגע הכנות צום יום טוב פסח וואס שטייט אונטערן טיר דערקענט זיך גוט אן אין די אידישע הייזער אין שטאט ברסלב, די געשיקטע עקרות הבית ענדיגן שוין אויסרייבן די האלצערנע פאדלאגעס און די שינעס פון די פענסטער. ווען די טאטעס פלאגן זיך צו רייניגן די ספרים און די לעצטע רעשטלעך וואס איז נאך פארבליבן לכבוד דעם חג החירות.

עס איז געווען אין דער לעצטן טאג פונעם יריד בעפאר פסח. די פארקויפער גייען שוין אט צאמפאקן זייער געפעק, אלע טישלעך וועלן ווערן צאמגעלייגט, אלע ירקות און צוגעהער וואס מען דארף האבן פאר פסח וועט ווערן אוועקגעלייגט. די לעצטע קונים וואס האבן נאכנישט אנגעיאגט צו ענדיגן איינהאנדלען זייערע געברויכן איילן זיך שנעל צו, איבערהויפט די נשים צדקניות וועלכע זענען יעצט פארנומען מיט זייערע לעצטע הכנות צום הייליגן יום טוב פסח זענען אין א געיעג. מען קוקט איבער די פראדוקטן צו מאכן זיכער אז מען האט אלעס ווייל וואס מען האט פארגעסן (אדער נישט געהאט קיין געלט) צו קויפן, וועט שוין נישט זיין צו באקומען פאר פסח, ביז דער מארק עפנט זיך ווידער. (דער יריד וואס איז היינט דא אין אומאן נעבן ר' נתנ'ס קלויז דערמאנט אונז אביסל די אמאליגע ירידים)

ממש לעבן דער יריד, שטייט דאס הייזקע פון משפחת שטערנהארץ. אויפן בוידעם זיצט ר' נתן און גרייט צו זיין הארץ און זיין נשמה צום הייליגן יום טוב. ער האט זיך געוואלט שטעלן דאווענען שחרית און זיין רעבעצין מרת דישל ע"ה וועלכע איז שוין געווען געוואוינט צו די אמונה און בטחון און הסתפקות במועט מיט וועלכע איר גרויסער מאן לעבט. אבער דאס מאל זעט אויס איז דער נסיון געווען אסאך גרעסער האט זי אים שטארק געמוטשעט ער זאל זען צו פארשאפן אפאר רובל צו קענען איינקויפן לכבוד יום טוב. ר' נתן האט געהאט פון דעם צער.

אבער ווי נאר ר' נתן האט אנגעהויבן מיט זיין סדר היום, זיין ווארימע דאווענען צום באשעפער מיטן הארץ און כח, איז ער געווארן געשטארקט מיט אמונה און בטחון אין באשעפער. ר' נחמן טולטשינער וועלכער האט דאס אלעס צוגעזען האט זיך שפעטער אויסגעדריקט אז נאכן דאווענען האט מען געקענט זען א דראסטישע טויש אויף ר' נתנ'ס פנים. ער האט אויסגעקוקט ווי איינער וואס איז אים שוין ערפילט געווארן אלע זיינע בקשות.

די מינוטן לויפן פאראויס. מען דארף זיך צויאגן אבער ר' נתן איז זייער רואיג – ער האט געהאט פארוואס. צו ר' נתן אין שטוב זענען אריינגעקומען עטליכע פון זיינע חסידים פון שטעטל ריידיד, וועלכע זענען געקומען האנדלען אין ברסלב. אינאיינוועגס האבן זיי מיטגעברענגט פאר ר' נתן א שיינע סומע געלט.

די רעביצין האט זיך נישט פארזוימט. מיט שנעלע טריט איז זי ארויסגעלאפן צום מארק און נאך אנגעיאגט די טישלעך. די געלט איז געווען גענוג צו דעקן אלע הוצאות יום טוב.

ר' נחמן טולטשינער זייענדיג דער משמש פון ר' נתן האט טאקע דעם חלק אויך צוגעזען און שפעטער פארציילט אז מען האט נישט געזען קיין שום שינוי אויף ר' נתן נאכדעם וואס ער האט באקומען די מתנה. עס איז ביי אים געווען אזוי פשוט אז דער אויבערשטער האט צוגעהערט זיין תפלה און זיין ישועה וועט זיכער קומען.

ר' נתן האט געזאגט: "די סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן אויף מיינע עלטערע יארן, איז ווייל איך האב אזויפיל תפלות געמאכט אין משך פון מיינע יארן, אז איך קען גארנישט טון איידער איך בעט א תפלה פון אויבערשטן דערויף.

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיך קענען האלטן מיט בטחון אז זיכער וועט השי"ת אונז קיינמאל נישט פארלאזן, מיר וועלן נאך דאס יאר זוכה זיין צום נעמען דעם פסח אליין – דער קרבן פסח און א נייע פרישע התקרבות צום הייליגן רבי'ן און די ליכטיגקייט פונעם הייליגן יום טוב, אמן.






ס'איז געווען א קאלטע ווינטערדיגע טאג. די שאסיי איז געווען אויסגעצויגן פארנט פון מיין אויטא ווען איך האב רוהיג געפירט דאס רעדל. א מינוט איידער איך האב געדארפט נעמען א רעכטס האב איך געהערט א קול: "דיין רעדל איז בכלל נישט באהאפטן צום קאר."

"וואס?!" האב איך געהאקט אויפ'ן ברעיק [אפשטעל] מיטן גאנצן כח. "דו מיינסט עס נישט אמת'דיג."

די געשריייען האבן מיר גאנץ ווייניג געהאלפן, דער קאר האט זיך נישט אפגעשטעלט, נאר ממשיך געווען צו פארן ביז צום שיידוועג.

"אויך דיינע ברעיקס זענען נישט באהאפטן," האט דאס קול מיר צוואוויסן געטון מיט א רואיגקייט. "און אויך נישט דיין געז קנעפל, נישט דיינע ווישערס... דיינע לעמפלעך... עיר קאנדישן... סידי... גארנישט!"

"דאן וואס האלט אונטער דעם קארביים פארן?" האבן איך געפרעגט שאקירט.

"איך!" האט דאס קול מיר געענטפערט מיט א פשטות.

פון מיין לאנג יעריגע ערפארונג האב איך זיך אויסגעלערנט אז ווען דאס קול רעדט צו מיר דארף איך אים אויסהערן מיט אן ערנסטקייט, אבער דאסמאל האט דאס אויסגעזען מאדנע... אוממעגליך... און שרעקליך פחד'דיג!

איך האב געגעבן א טיפער שלונג.

דאס קול האט פארגעזעצט צו רעדן צו מיר. "פון היינט מאל אן וועט די קאר ארבעטן פיין, דיר נעמען וואו דו ברויכסט צו גיין, פארמיידן עקסידענטן נאר מיטן תנאי אז דו וועסט זיין מיטן גאנצן באוואוסטזיין אז דו טוסט ג-א-ר-נ-י-ש-ט!"

איך האב ווייטער פעסט צוגעהאלטן דאס רעדל מיטביידע הענט, נישט אפלאזנדיג דאס פאר א רגע, ווי איך וואלט געהאלטן א שפילעריי פון א קינד. מיר האבן אנגעהויבן צו פאראהאנדלען איבער די וועגן.

מיר האבן נישט אריינגעקראכט אין קיין ווענט און אויך נישט געבלאנדזשעט. מיר האבן זיך איינגעדרייט בשלום אן קיין אינצידענטן.

ס'איז געווען שווער אפצולאזן די לייצעס.

מיר האבן זיך יעצט דערנענטערט צום קומענדיגן דריי.

"קאנצענטריר," האט ער מיר דערמאנט. "דו קענסט טוישן פאזיציע, פארשנעלערן אדער פארשטאטערן, זיך אפשטעלן, ווינקן, פייפן, אריבערפארן אדער אפילו אנצינדן מוזיק אויב דו ווילסט און דיינע הענט זאלן בלייבן אויפ'ן רעדל, אבער געדענק, דו טוסט גארנישט אויף. קענסט זיצן רואיג," האט דאס קול ממשיך געווען צו רעדן צו מיר געלאסן מיט א זיכערקייט.

"אקיע, אבער ביטע... געב מיר א געלעגנהייט זיך צוצוגעוואוינען צו דער נייער ערשיינונג," האב איך זיך געבעטן.

"איך האב דיר שוין פריער געגעבן."

"אקעי."

"יעדעס מאל וואס דו מיינסט אז דו ביסט דער וואס פירט די קאר באהעפסטו זיך צו די טבע און דורכדעם פארלירסטו די פארבינדונג צו מיר. שידוכים, פרנסה, חינוך הבנים, טאג טעגליכע פליכטן, לימוד התורה - די אלע זאכן וועסטו קענען באהאנדלען פיל בעסער ווען דו וועסט נאר לייגן דיינע הענט איבערן רעדל אבער וועסט מיר לאזן דרייוון. נאך אלעם, ווער פון אונז קענען בעסער דרייוון, דו אדער איך?"

"אאאא.......?.."

איך האב פארשטאנען אז דאס איז עס. איך וועל מוזן הייבן הענט. טרייסלנדיג, די הענט נאך איבערן רעדל, מיינע פיס צוגענאגלט צום גאז קנעפל, מיין מח נאך קאנצענטרירט אין די געזעצן פון דרייוון, האב איך אים געלאזט דרייוון.

א מינוט איז אריבער... דערנאך נאך איינע... איך בין געבליבן לעבן...

איך האב אפגעאטעמט.

דער קאר האט זיך ווייטער געגליטשט איבער די וועגן.

"אזוי שטייט פארט די קאר. איך וועל באלד קומען שפעט צו דער ארבעט. איך האב צאמגענומען מיינע כוחות און געגעבן א שטארקע דרוק אויפ'ן גאז קנעפל צו הייבן די שנעלקייט.

אופססס... דער קאר האט אנגעהויבן צו פארן שטייטער.

"דו האסט פארגעסן?" האט דאס קול מיר דערמאנט. "מיר האבן עפעס אפגעשמועסט, נישט אזוי?"

"אוי, טאקע. ביטע אנטשולדיגן."

מיר האבן ווייטער ממשיך געווען צו פארן געשמאק און אנגענעם. עטליכע מאל האב איך פרובירט זיך אריינכאפן צווישן די אנדערע קארן אבער ס'האט זיך גארנישט גערירט.

"פאר דיר איז בעסער צו שטיין דא ביי דער פאזיציע," האט ער מיר מסביר געווען.

איך האב נישט מסכים געווען אבער איך האב אים גארנישט געענטפערט.

מיר זענען ווייטער געפארן איבער די שאסייען. נארמאל. גארנישט שרעקליך האט ביזדערווייל פאסירט, אבער מיינע אויגן זענען געבליבן צוגענאגלט מיט קאנצענטראציע.

צוביסלעך איז מיר בייגעפאלן אז אפשר קען איך אפלאזן די לייצעס און שפירן וויינינגער אנגעצויגן. איך האב דאך שוין אליין געזען אז איך בין ממילא אין זיינע הענט.

מיר זענען אנגעקומען צו א שייד-וועג וואו איך נעם שטענדיג א רעכטס. איך האב אנגעצינדן דעם רעכטן לעמפל, און געדרייט דאס רעדל רעכטס.

גארנישט. גארנישט האט פאסירט. דער קאר איז ווייטער געפארן פאראויס.

"אבער... אבער... איך דארף פארן רעכטס!" האב איך פראטעסטירט. "איך האב מיך קאנצענטרירט, געטון אלע פארשריפטן און גארנישט האט פאסירט."

"פיין... פיין... דו טוסט אלעס גוט." האט ער מיר בארואיגט.

"איז... איז פארוואס פארסטו ווייטער?"

"ווייל דא איז וואו דו דארפסט פארן," האט ער מיר געדולדיג געענטפערט.

איך האב גארנישט געענטפערט, אבער איך האב געקלערט... איך מוז... איך מוז אנקומען... ס'איז קריטיש וויכטיג!

"דו מוזט קריטיש וויכטיג אנקומען צו וואו איך פיר דיר!" האט ער מיר געענטפערט ווי ער וואלט געליינט מיינע מחשבות.

איך בין געבליבן זיצן פארקלערט.

"די גאנצע וועג וועט מען אזוי פארן?" האב איך געפרעגט דערשראקן.

"די גאנצע וועג, מיין טייער קינד."

"און... מיר וועלן אנקומען צום ציל?"

"דאס איז די איינציגסטע וועג וואו דו קענסט דאס דערגרייכן."

"אקעי, דעמאלס קען איך אפלאזן דאס רעדל און זיצן מיט פארלייגטע הענט," איז מיר בייגעפאלן.

"ניין, ס'איז דיין קאר. דו מוזט אנכאפן דעם רעדל. דו מוזט פרובירן צו אנשטעלן דעם קאר, טוישן פון רעכטס צו לינקס, אנצינדן די לעפלעך," האט ער מיר באפוילן.

"און וואס איז מיט דירעקציעס," האב איך איבערגעפרעגט.

"דאס איז אויך דיין ארבעט. אבער געדענקט איך בין דער וואס איז מחליט צום לעצט."

"אבער... ס'איז אזוי שרעקעדיג..."

"וואס איז מער שרעקעדיג, ווען דו פירסט זיך אליין אדער איך פיר דיר?"

"הממם...."

"איך אנהייב איז טאקע שרעקעדיג, האט ער מיר בארואיגט, "אבער מיט די צייט ווען מען געבט אויף די לייצעס און מען געוואוינט זיך צו איז עס בכלל נישט שרעקעדיג נאר געשמאק און אנגענעם."

"זיכער?"

"די זאך רופט זיך אמונה."

"אקעי, איך לאז אפ."

"מאך לויז דיינע מאסקלען. אטעם אריין טיף. זעץ זיך באקוועם אויף דיין בענקל. וואס שפירסטו??"

"הממם... כמיין בעסער."

"זייער גוט. יעצט קענסטו הנאה האבן פון אן אנגענעמע רייזע!"




## א וואר־ימע תפלה אויף פסח

באשעפער, העלף אונז, מיר זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין אויף אונז די קדושה פון יום טוב פסח, מיט א געוואלדיגע הייליגקייט מיט א שמחה און א חדוה. מיר זאלן זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה פון ארבע כוסות די ווייין פון פסח מיט א ריכטיגע שלימות און מיט קדושה וטהרה. (תפלה כ׳)

באשעפער, זיי זיך מרחם אויף אונז מיט דיין גרויס רחמנות און דיין גרויס גענאד. העלף אונז אויפנעמען די דריי רגלים פסח, שבועות און סוכות מיט א קדושה און א גרויס פרייד, מיר זאלן זוכה זיין צו מכבד זיין אלע ימים טובים מיט אלע מיני כבוד און שיינקייט, מיט עסן, סעודות און רייניע קליידער. און רוען פון אלע ארבעט. מיט א גוט הארץ און א גרויסע שמחה. מיט תפלה בכוונה און א געוואלדיגע התעוררות ווי עס פאסט פאר א אידיש קינד צו דאווענען און זיך אויפצופירן יום טוב.

מיר זאלן זוכה זיין צו טון אסאך מצוות משך דעם יאר מיט קדושה און א גרויסע שמחה און זוכה זיין אז די שמחות פון אלע מצוות פונעם גאנצן יאר זאלן זיך צאמזאמלען אינ־עם הייליגן הארץ וואס דאס איז די דריי ימים טובים, דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו אן אמת'ן שמחת יום טוב אזוי ווי דיין רצון איז, אזוי ווי עס שטייט: "ושמחת בחגיך" און זוכה זיין זיך זייער שטארק צו פרייען מיט דיר באשעפער וואס דו האסט אונז אויסגעוועלט פון אלע פעלקער און דערהויבן פון אלע שפראכן. ביז מיר וועלן זוכה זיין ארויפגיין און זיך זען מיטן אור פני ה׳. אמן (תפלה ל׳)